STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06090

LIDER UN IBERBLIKN

Minnie Bordo Rivkin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מינאַ באָרדאַ־ריווקין

לידער און איבערבליקן

מיט אַן הקדמה פון אבא גאַרדין

•

בוענאָס־איירעס
1958

אַ דאַנק

איך באַדאַנק דעם זייער חשובן פריינט אבא גאָרדין פאַר איבערקוקן מיינע לידער און אויך פאַר מאַכן טעכנישע אָנמער־קונגען.

אויך פאַר דער מי, אַז דאָס ביכל־לידער זאָל דערשיינען.

אַ דאַנק דעם זייער חשובן י. בירנבוים אין ב. איירעס פאַר מאַכן די קאָרעקטור און זיך מתעסק־זיין מיטן אַרויסגעבן מיינע לידער.

מינאַ באַרדאַ־ריווקין

דעצעמבער, 1957

אין ליכטיקן אָנדענק פון

ב. ריווקין

(1945 — 1883)

MINA BORDÓ RIWKIN

VERSOS Y ENSAYOS

Impreso en la Argentina.

Hecho el depósito que marca la ley.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 26 DE MAYO DE 1958, EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.", SAN LUIS 3149, BS. AIRES

אבא גאָרדין

די זעערן אָדער מיסטיקערן

אַנשטאָט אַ פאָררעדע

די דיכטערן מינאַ באָרדאָ ריווקין וואַנדלט אַרום מיט אָפענע זעערישע אויגן. זי זעט יענעוועלטיקע וויזיעס: אַפילו אין געוויינטלעכע דאָיקע זאַכן דערבליקט זי נישט־דאָישע קאָנטורן.

איר ביכל לידער עפנט זי מיט דרייסט און זיכערקייט. זי קלעטערט אויף לבנה־טרעפ. וווהין? גלייך צו גאָט. זי קלאַפּט אָן אין טיר נישט מיט הכנעה, נאָר מעשה תקיפטע. זי קלאַפּט אָן און זאָגט:

ניט אַן אביון איז געקומען נאָך שוץ, —
עס איז געקומען אַן אורח... אַ גביר.
איך טראָג אַ זאַק מיט אוצרות פון גוטס,
גאָט, עפן פאַר מיר דיין פאַרשלאָסענע טיר.

דער כביכול אַליין דאַרף זיך מטריח זיין און עפענען די טיר. אַ קלייניקייט! זי ברענגט אַזאַ טייערן אוצר, וואָס צווישן מענטשן איז עס נישט לייכט צו געפינען. און ביי גאָט איז גוטסקייט זייער אָנגעלייגט, ער איז דאָך דער סימבאָל פון פולשטענדיקן „כי טוב“. ווו האָט זי געקראָגן אָט־דעם אוצר, וואָס זי ברענגט אין אַ גראָבן זאַק? זי האָט אים צונויפגעזשעברעוועט, ווי אַ קבצנטע אין קבצני־שע הייזער. אין דעם אוצר געפינט זיך גאָלד פון האַרצן און דימענטן פון גלויבן.

איך שלעפּ זיך פון לאַנג שוין דורך מיין פאָלקס לעבנסגריבער
דורך חושך, דורך היילן, דורך ווירבל, דורך שטויבן...

און דער וועג? — „אַ מעסער מיין וועג"...

דאָרט ווו גלויבן — שטייסטו, אַ גאָט, פאַר מיר!
דעם אוצר פון מיין גלויבן כ'האָב צו דיר געבראַכט.

דער בעסטער שאַץ, דער קאָסטבאַרסטער פאַר גאָט און מענטשנקינד, איז גלויבן. און פאַר דעם גלויביקן און אויף דעם גלויביקן שטייט גאָט. „די רשעים שטייען אויף זייערע געטער־געצן, די צדיקים — דער אלהים שטייט אויף זיי, ווי דער פסוק זאָגט: „און ער שטייט אויף אים, אויף יעקבן" (בראשית רבה, פרשה ס"ט).

ס'האָט דיין פאָלק דיך דערזען און ניט אויסגעטראַכט.

דערזען דיך דורך זיינע יסורים, דערזען דיך אין זיינע ליידן, אין זיין אָרעמקייט און נויט, ווייל דאָרטן געפינסטו זיך...

און אַז די טיר עפנט זיך ברייט, גייט זי אַריין און פאַלט גלייך צו צום כסא־הכבוד. אין הימל געפינט זי זיך, פילט זיך גלייך ווי אין דער היים, זי איז אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן מיטן כביכול.

מיט אַ נשמה האָסטו מיך באַשאַפן,
מיט דעם, וואָס מיך צו דיר פאַרבינדט.

און ער האָט זי אויך באַשאָנקען מיט אַ וויזיאָנערישער ראיה און וויזיאָנערישער שמיעה. און זי זעט זעאונגען אויף דער ערד און אויפן הימל און הערט בת־קולס, אויסרופעניש, אָנזאָגעניש.

מיר דאַכט זיך, אַז פייער־וואָלקנס קענען ריידן...
און מגילות, ספרים ליגן אויף דעם הימל־טיש.
ער טוט בלאָט נאָך בלאָט דאָרט אַ מיש.

און זי הערט אַ קול פון דעם צעעפנטן הימל אויסרופן: „ס'וועט וואונדער געשען!" און זי גלויבט — און זיי געשעען.

און דער אַלמעכטיקער איז אַן אומעטומדיקער; ער זיצט ניט אין הימלישער אָפּגעזונדערטקייט, ער איז דאָ צווישן זיינע אומגליקלעכע מענטשן־קינדער, ער באַטייליקט זיך אין זייער צרהדיקער מערכה.

עס יאָמערט גאָטס האַרץ אויף דער שטומער מענטש־פּיין,
עס איז שווער אים אין הימל אַ גאָט ווייטער צו זיין

ווי נאָר ער באַשאַפט דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט און גלייכעניש, ווערט מענטש געטלעך און גאָט מענטשלעך, די שכינה רוט אין מענטשנס עלנט און פאַרוואָגלעניש.

צעברעכט ער די שלעסער פון זיין הימלישן טויער
ער נידערט אין תהום פון מענטשישן טרויער.
גאָט מיט מענטש גייען דער רשעות אַנטקעגן (דאָרט).

גאָט טראָגט אַן אחריות־טייל פאַר דער רשעות, הגם דער הויפּט־רשעות־טוער איז דאָך דער מענטש. אָבער פאַרן מענטשן און זיינע האַנדלונגען איז דער באַשעפער פאַראַנטוואָרטלעך. פון ערשטן טאָג פון מענטש־באַשאַף זענען זיי געוואָרן שותפים סיי צו גוטס און סיי צו שלעכטס...

און אין דיין ברוגז טראָגסט זיין אומגעשטילטן צאָרן.
פאַרדרוס, וואָס ער אַ מענטש־באַשאַפער איז געוואָרן
נאָך האַלבער נאַכט פאַרוויינט דער בורא־עולם
פראַוועט חצות, ווי אונדזערע זיידעס אָבות.

חרטה אַליין איז נישט גענוג אומצוטאָן, וואָס ס׳איז שוין געטאָן געוואָרן. און די שכינה ראַנגלט זיך מיט אַלע מענטשלעכע ראַנגלענישן, זי ראַנגלט זיך מיט דער חיה, וואָס אין מענטשן... אָבער ווי באַלד דער מענטש האָט אַזאַ אַרויסהעלפער אין זיינע גייסטיקע נויטן און געוויסן־קאַמפן, איז דער מענטש זיכער אין זיין ענדגילטיקן נצחון.

און פון צוויי פאַרוואָרלאָזטע יתומימלעך ווערט איינער דוד המלך, דער צווייטער משה רבינו. איינער — הימל־קלעטערער, הימל־טרעטער און תורה־ברענגער און דער צווייטער — דער תהילים־זינגער... און יעדער מענטש איז אַ צווייאיקער יתום: אי אין גוף און אין זיין נשמה וויינט זיין פאַריתומטקייט, וואָס וועט ווערן אויפגעריכט.

היינט ווי נעכטן וויינט אומרו אין מייַנע גלידער,
ער וויינט מיט דעם צער פון דער וועלטס פיר ווענט.
די תפילה זי טרייסט מיך ווי אַ גליקלעכע בשורה —
איך טראָג זי אַרום אין מיין שטוב אויף די הענט.

דיכטער מקובלים פאַרמאָגן מיר אייניקע סיי אין ייִדיש און סיי אין העב־רעיִש, אָבער צווישן די דיכטערנס איז מינאַ באָרדאָ ריווקין די ערשטע מקובלטע און, דערווייל, די איינציקע.

פון מיין טיפער בענקשאַפט אין די לאַנגע נעכט,
ווען די שעהן קריכן פויל ווי שוואַרצע קנעכט,
געשטאַלט טויכט אויף... מיט מיין באַבען אין דעם
טייטש־חומש כ׳טו זאָגן,
בלייכן אותיות ווי די שטערן אין דעם הימל, ווען ס׳נעמט טאָגן.

נישט בלויז מיט דער באָבען, זי זאָגט אויך מיטן זיידן, כביכול, גאַנצע שטיקער „זהר הקדוש״...

אַ תפילה

ניט ווי אַן אָרעמאַן, אַן אביון בעטן שוץ,
איך בין געקומען ווי אַן אורח גאָר אַ גביר.
איך טראָג אַ זאַק מיט אוצרות אָנגעפּאַקט מיט גוטס.
גאָט, עפן פאַר מיר דיין פאַרשלאָסענע טיר.

עשירות אויפגעקליבן אין קבצנישע שטיבער.
געלייטערט גאָלד פון האַרצן, דימענטן פון גלויבן,
שוין יאָרן־לאַנג איך שלעפּ זיך דורך פאָלקס לעבנס־גריבער.
דורך חושך און דורך הייל, דורך ווירבל און דורך שטויבן.

מיין וועג אַ מעסער, ס׳שניידט מיין האַרץ אויף שטיקער.
די שיין פון שטערן נאָך ניט אויסגעזויגן.
באַטרונקען פיינען כ׳וואַקל זיך, ניט שיכור.
עס ליכטיקט פינצטערניש דורך מיינע אויגן.

ווו גלויבן דאָרטן שטייסטו, גאָט, פאַר מיר.
מיין ריינעם גלויבן כ׳האָב צו דיר געבראַכט.
דיין טיר ברייט עפן פאַר דיין גאַסט, דעם גביר.
דיין פאָלק האָט דיך געזען, ניט אויסגעטראַכט.

די וואָלקנסריידן

אין סוף־נאַכט האָט אַ האָן געטאָן אַ קריי,
אַ זעאונג אויפֿן הימל כ׳זע — אַ שרעק.
צעווישן וואָלקנס פֿייער רויטע צוויי
אַ פּנים פּלוצלונג ט׳זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט.

ווי אָדערן צעפּלאָכטן און צעשיידט,
די וואָלקנס ציִען, שנירלען זיך, ווי שלאַכן.
האָט זיך געסקווערט דאָס לעבן מיטן טויט,
כ׳דערזע אַזוינע אויסטערלישע זאַכן.

מיין אויג זעט אויף אַ וועג אים גיין
און אָט בלייבט גיריק אַ פֿאַרבענקטער שטיין.
מיר דוכט זיך: פֿייער וואָלקנס קענען ריידן.
איך טו זיי בעטן אַלץ מיר צו אַנטשיידן.

און זיי דערציילן גערן מיר אַלץ אויס.
עס קומט אַ דריטער וואָלקן באַלד אַרויס.
צעלייגט די ספרים אויף דעם הימל־טיש,
און טוט מיט אימפּעט בלאַט נאָך בלאַט אַ מיש.

און אָט ער ווערט גאָר רויק, שטייט שוין שטיל,
דער הימל טוט אַ נויג זיין קאָפּ צו מיר.
איך פֿרעג: וואָס איז דיין סימן איצט געווען?
איך הער אַ קול: אַ ווונדער וועט געשען.

דער אָנזאָגער פֿון סוף פֿון די 2.000 יאָר

ביי מיין הויז עס וויגט זיך שאָטן;
זיינע אויגן — שבת־ליכטלעך קנויטן.
מיט דער זון הויך שטייט דער טאָג,
שאָטן שאַרט זיך צו ראָג.

ציט זיך שאָטן — אַ פאַרכישופטער פּאַס
און געוועבלט זיך איבער מיין פאַראַרעמטער גאַס,
גייט די זון אים נאָך, טראָט ביי טראָט.
פלוצלונג בלייבט זי שטיין אויף זיין געבאָט.

טוט דער שאָטן זיך אַ שטרעק אין דר׳הויך
און צעוויגט, צעקודלעט וואָלקן־רויך.
אויף די כוואַליעס פון דעם רויך ער צייכנט צוויי און דריימאָל נול.
פון דעם צוויי מיט די דריי נולן פאַלט אַ טלית־זאַק צו פול.

צייכנט שאָטן נאָכאַמאָל צוויי מיט דריי נולן —
קריכט אַ בעטלערל אַרויס פון זאַק דעם פולן.
בעטלערל פון דורות גרויסע ייִדן קומט אַרויס —
קינדער ייִדישע ער שטעלט אין לאַנגע שורות אויס.

שאָטן רויִק שלייכט אַוועק. — מיטן בעטלערל בראש
ציִען מחנות ייִדן מיט געזאַנג און פּויק־גערויש:
„אַנטקעגן אונדזערע שונאים גייען מיר זיך ווערן,
פינצטערע נאַכט פאַרוואַנדלען אין אַ ליכטיק מאָרגן־שטערן״.

אויפן הימל אַ געפעכט

עס האָט זיך מוראדיק צעברענט די האַלבע לבנה אין דעם הימל,
וואָס האָט געשוואַרצט, פאַרשרפהט לאַבן־ברויט באַשפּרינקלט דיק מיט קימל.
צעווייטאָגט נאַכט אין טיפן אָפּגרונט איז פאַרזונקען איבערן קאָפּ.
די לבנה קנוילט זיך, ווי אַ קוילן־פייער אין אַ שוואַרצן טאָפּ.

אויף טויט פאַרחלשט ליגן שטערן, אותיות פון אַ טויטער שפּראַך.
לבנה פעכט פאַרצווייפלט, ווי טולטשינער עדה — גזירת ת״ח.
עס דוכט זיך אויס: אָט־אָט דער מאָנסטער, שוואַרצער חושך, שלינגט זי איין;
ביי אים אין בויך זי שליידערט זיך און רייסט זיך דורך מיט גלוטיק שיין.

אין הימל אַ געפּעכץ, אין קאָן עס שטייט דער קיום פון וועלט־אַלץ.
און, אפשר פלאַקערט־פלאַמט דאָס בלוט פון דעם צעשניטן ייִדיש האַלדז,
און פון די קדושים טראָגט זיך רחמים־בעטנדיקער בליק־פון־רוף,
ווייל אין די ברידער־קברים קאָן ניט רוען כל־ישראל־גוף?

די האַלבע לבנה מיט איר טערף פאַרשניידט דעם חושך — ענד פון קריג,
האָט אָפּגעהאַלטן איבער אומגעהויער שטן פולן זיג.
די שטערן וואַכן, רייבן זיך די אויגן, קוקן אויף דעם מת...
און פרעגן פינקלדיק: האָט טאַקע היינט פּאַסירט דער גרויסער נס?

31סטן אויגוסט, 1949, בראָנקס, נ. י.

נשמה־געזאַנג

אַן אומרו ז׳איבער מיר געגאַנגען,
עס האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף אין מיטן נאַכט.
אַ ניגון דביקותדיקער לאַנג שוין ניט געהערטער,
פון ערגעץ־ווו אַ ווייטקייט ט׳זי צו מיר געבראַכט.

אַ תפילה האָט אַ קול אויף טרעפּ געהויבן,
האָט זי דערהויבן צו נשמהשן געזאַנג,
צי קאָן אַ תפילה מענטשנס האַרץ ווי קרבן שעכטן?
קאָן אויסגיין, ווערן שטיל דאָס האַרץ פון גאָט־פאַרלאַנג?

דעם נאָמען גאָט איך האָב געהיט זיך צו דערמאָנען,
דער נאָמען איז געווען באַהאַלטן טיף אין מיר,
אַ נשמה — פענצטער האָט פאַרריגלטע מיט לאָדן,
זי בעט זיך, רייסט זיך צו דער עפענונג פון טיר.

גרויס וווּנדער וויגט דאָס וואָרט פאַר מיינע קלאָרע אויגן,
און מיינע ליפּן בענטשן יעדן טראָף און קלאַנג.
אין האַרצן האָט די תפילה הויך־אַרויף געצויגן,
עס טוליעט מיך די תפילה צו אַ גרויס געדאַנק.

ווי נעכטן היינט אַן אומרו וויינט אין מיינע גלידער,
זי וויינט פֿאַרקלעמט פון עלנט־צער פון וועלטס פיר ווענט.
די תפילה טרייסט מיך ווי אַ גליקלעכע בשורה.
כ׳טראָג זי אַרום אין שטוב אויף מיינע ווייסע הענט.

אין קיינעמס לאַנד

פירט שטערנלאָזע נאַכט מיך צו אַ שטיבל צו,
וואָס ברענט מיט געלן פייערל אין קיינעמס לאַנד.
דאָס קליינע שטיבל, פון הבדלה־ליכט באַלויכטן,
לייגט געלע לאַנגע לאַטע אויפן געלן זאַמד.

אין נידעריקן שטיבל מענטש מיט ווייסן קאָפּ
אַ באָרוועסער פּאַר־שעהנלאַנג שטייט אויפן דיל.
מיט שטילע טריט כ׳גיי אַלע נאַכט צום שטיבל צו,
מיט אים איך ווין מיט, טרערן פליסן אין דער שטיל.

מיט מיינע מידע אויגן כ׳קוק דעם מענטשן אָן
און מיינע אויערן זיי הערן ניט קיין רייד.
פון מיר זיין עלנט־טריפנדיקן בליק באַהאַלט.
דו, אומבאַקאַנטער, זאָג, ווער האָט פֿאַרצוקט דיין פרייד?

די אויגן מיט דער לינקער האַנט האָט צוגעדעקט
און די הבדלה־ליכט אין דער רעכטער האַנט טוט האַלטן.
פאַלט ווי אַ שטילע תפילה זיין הייס־זודיק טרער
פון אונטער דעם געדיכטן ברעם דעם אייזיק קאַלטן.

נאָך האַלבער נאַכט כ׳האָב זיינע אויגן אָפּגעדעקט.
מיר האָט ער די הבדלה ליכט געגעבן האַלטן;
און איצט אין שטיבל כ׳בין געבליבן שוין אַליין
און ער אַוועק איז צו דער גרויסער וועלט מיט גוואַלטן.

אַ ליכט אין חושך

(אין אָנדענק פון מיין ברודער חיים בערמאַן ע״ה, 1946 — 1887)

אין מיטן פעלד אַ חורבה איינגעהויקערט, ווי צו נעילה.
דאַך דורכגעלעכערט רויכערט זיך און קנוילט אַן עלנט שטום.
מצבות־צווילינג אויף אַ בערגל קניִען ווי אין תפילה.
אַן אַלטיטשקער גאָר ניט פון הי ער דרייט זיך דאָרט אַרום.

אויף זיינע פלייצעס — זאַק פון טאַטע־מאַמעשן געוויין.
צוויי קינדערלעך טראָגט אויף די הענט, זיי דריקט צום האַרצן צו
פאַרשלעפערטע, צעליכטיקט זיך דער חושך אַרום זיי.
לייגט פולן זאַק געוויין צוקאָפּנס זיי פאַר רו.

דער אַלטיטשקער די הענט צום הימל הויבט: „אַ גאָטעניו!
דאָס טייערסטע, דאָס שענסטע איז ביי דיר אַ קינד.
סיי וואָרצל סיי שטאַם פון משפחות הייליקע און ריינע;
זאָל איינס דער מלך דוד זיין און צווייטס משה רבנו.

דער אַלטיטשקער האָט דודלען אין פעלד געשיקט —
ברענגט דוד שונאס חייל ווי די אָקסן אויף אַ שטריק.
פאַר משהלען האָט שטעקן אויסגעשניצט און אויסגעצירט. —
פון דריטן חורבן ט׳משה מיטן שטעקן פאָלק געפירט.

די טאַטע־מאַמע האָבן פאַר די קינדער לעבנלאַנג געליטן
ביז דער פאַרפלוכטער שונא האָט זיי מיט אַ זאַק־געוויין פאַרביטן.
צי האָבן זיי אַזוינס אַזעלכעס געקאָנט גאָר טראַכטן און פאַרקלערן,
אַז איינס וועט קיניג דוד זיין, דאָס צווייטע משה רבנו ווערן?!

ליכטיק

(צום אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ)

אין פעלדער, וועלדער איז אַ פאָלק צעשפּרייט.
אין מיטן טאָג די זון פאַרגייט;
אין מיטן טאָג געוואָרן נאַכט, זון זינקט אַראָפּ,
לייגט אויפן שוואַרצן קישן ברענענדיקן קאָפּ.

אַ לאַנד אין שוואַרצע ראַמען;
אין אים אַ יידיש שטאָט גייט אויף אין פלאַמען.
עס שרייען קינדער מיט אַ יאָמערדיק געבעט אין קול.
צו וועמען שרייען קינדער אַלע מיט אַמאָל?

די וועלט איז טויב, זי הערט ניט קינדער־קול;
עס שרייען קינדער העכער וואָס־אַמאָל.
די וועלט שטייט, ווי פון הענדלער אַן אַגענט,
יר געשעפט, ביז ס׳לעצטע קינד שוין ברענט.

אויסגעשריי צערייסט די טאָגיק נאַכט,
ט אַן ענטפער אים געבראַכט.
די פייגעלעך פון נעסטן שטעקן שרעקעדיק אַרויס די קעפּ:
זיי זעען: די מלאכים פון דעם הימל נידערן אויף טרעפּ,

און טוען יעדעס קינד אויס פון זיין ברענענדיקן גוף,
און פירן די נשמהלעך צום הימל שנעל אַרויף...
דער פאַר האָט זיך צעליכטיקט טאָגיק־נאַכט:
אַזויפיל נשמות קינדערשע פאַר גאָט געבראַכט!

אַ קאַשמאַר

ווי אַ זקנה מיט אַ הוילן שאַרבן
שטעלט זיך נאַכט לעם אונדזער שוועל,
מיט אַן עכאָ פון דעם שלאַכטפעלד שרייט זי: שטאַרבן!
פויקט אין פענצטער טויט־באַפעל.

ליגן מיר געשמידט אין אייזן־רייפן.
לאַכן? אַ צעדולטער לאַכט.
פלאַקערט שרעקלעכע שריפה אין די הייפן.
קולות־אָפּהילך פון אַ שלאַכט.

דוכט זיך ליגן אַלע דאָ ווי טויטע.
בלינדע נאַכט שפרייזט לעצטע טריט,
שפרייזט אַריבער די צו קבורה גרייטע,
און די מוטיקסטע נעמט מיט...

די אַראָפּנידערונג

אַ שרפה איז דער הימל, בלוטבאָד — צייט.
גאָטס פּנים זיך אַנטפּלעקט, אין צאָרן שרייט.
פאַלט טעמפּ גאָטס וואָרט, פון הימל זינקט אַראָפּ.
קראַכט די לעגענדע פון גאָטס צען געבאָט.

צוויי שלאַכטן האָט געוווּנען שטורעם פון דער צייט.
איז גאָט פון מענטשן, ווי דער מענטש פון גאָט באַפרייט.
פאַרשלאָסן אויער, מענטש איז טויב צו גאָטס געשריי.
אַלמעכטיק גאָט ער פילט ניט מענטשנס גאָטלאָז ווי.

דאָך ווייטיקט גאָטס האַרץ אויף דעם שטומען מענטשנפּיין
און אים איז שווער אין הימל ווייטער גאָט צו זיין.
צעברעכט ער אַלע שלעסער פון זיין הימל־טויער,
ער נידערט אין דעם טיפן תהום פון מענטשנס טרויער.

ער נעמט זיין גליענדיקן שפיז אין האַנט
און לאָזט זיך מיטן פאָלק גיין זאַלבענאַנד.
גאָט וואַנדערט איף פאַרווירטע מענטשנס וועגן:
דער רשעות גייען גאָט און מענטש אַנטקעגן.

מיט פאַרבונדענע אויגן

איך וואָלט די אויגן זיך פאַרבונדן,
כדי ניט צוקוקן די מענטשלעכע גרויל־שרעק.
און וואָס צו טאָן עס ווייס ניט קיינער.
געדאַנקען גייען ווי אויף טויבן־פיס אַוועק.

די שטערן לאַנג שוין אויסגעלאָשן,
דער מענטש אין ווינקל־אויג ער טראָגט נאָך טראָפּן ליכט.
די שאָטנס טויטן־טאַנץ צעטאַנצן:
בית־עולם־ליכט זיי וואַרפן מענטשן אין געזיכט.

איז וואָס איז פון דער גאָרער־גרויסער וועלט געוואָרן —
אַ בית־הקברות אונטער שיין פון דער לבנה?
זיך קייקלען ווערטער, פאַן אַ מעשענע אויף טרעפן,
אַלץ נענטער קומט מענטש צו פאַרטיליקונג־סכנה.

דער הימל וויגט זיך ווי אַ הענגלאָמפּ איבערן טיש,
גאָט מיט פאַרבעלמעטע צוויי אויגן זעט שוין קיינעם.
וווהין מע קערט זיך, טרעפט מען אַ פאַרווירטן שכן.
בלייבט מענטש אין חושך מיט זיין בלינדן גאָט אינאיינעם...

פאַסטעך יעקב

ווען פאַסטעך יעקב איז אַ פליט אין דער וועלט געוואָרן
איף וועגן פינצטערע, דורך שוואַרצע נעכט פאַרוואָגלט
האָט זיך צו אים אַ געטלעך שטים דערטראָגן און געזאָגט:
„ניט מענטש — נאָר איך, דיין גאָט, וועל דיך מיט ברויט פאַרזאָרגן..."

און איך אַליין, ווער בין איך? וואָס האָב איך צו זאָגן?
אַ גאָטעניו! זוו איז מיין טרייסטער איצט? אַוו — מיין היטער? —
אַ קראַנקן־שוועסטער בין איך, אַ פאַרוואָגלטע פאַסטושקע,
וואָס אַלטע שוואַכינקע באַשעפענישן היט און פיטער...

ווען יונה איז געוואָרן אין דעם שטורעם־ים געוואָרפן,
האָט גאָט אַ וואַלפיש צוגעשיקט, אים איינצושלינגען;
און פון זיין בויך האָט ער אַ תפילה, אַ געבעט אַרויסגעזונגען.

און איך, אַן עלנט קינד, אין ים פון טרערן ווער דערטרונקען;
און אויך אויף דער יבשה שלעכטע מענטשן לויערן, מיך צו צעטרעטן —
ווו איז דער וואַלפיש, ווו דער גוטער מלאך מיך צו רעטן?

מאַמעס זוכן קינדער

ווי פון פאַרצייטן גרויען די אַראָפּגעגנידערטע געשטאַלטן,
די צעדערן, די איינגעבויגענע פון וואַלד לבנון,
אַ גרויסע מחנה מאַמעס ציט צום טאָל פון וויי־געוואַלטן,
ווו קינדער ראַנגלען זיך פון אונטער קראַך פון די קאַנאָנען.

עס מורמלען ליפּן זייערע ווי רחל, חנה, דבורה:
צו אייך מיר טראָגן אַ געבעט פון אונדזער מוטער, תורה.
ווי גוטע וועכטערנס מיר וועלן איבערן שלאַכטפעלד לויערן,
און איבער יונגע לעבנס אייערע, ווי גייסטער הויערן.

זיי גייען, גייען, גייען און אָט זענען זיי שוין דאָרט.
פון רויט שלאַכטפעלד פאַס נאָך פאַס עס בלעטערט די לבנה.
די מאַמעס זוכן קינדער ווי אין טייטש־חומש אַ וואָרט,
און שפּרייטן ברכות־פאַרטעכער צו שיצן אין סכנה.

און ווי אַ ייִדיש אות איז תוכיק זייער וואָרט געוואָרן.
זיי טרעטן אויס די אותיות קלייניקע — אַ שורה בליצט,
אַ פייער־שריפט דערזעען קינדער — „זייט באַהיט־באַשיצט!"
קול מאַמעשער ער הילכט פון יעדן ברענענדיקן דאָרן.

אין טייטש־חומש

פֿון מײַן טיפֿער בענקשאַפֿט אין די לאַנגע נעכט,
ווען די שעהן קריכן פֿויל ווי שוואַרצע קנעכט,
אַ געשטאַלט טויכט־אויף... מיט מײַן באָבען אין דעם טייטש־חומש כ׳טו זאָגן.
בלייכן אותיות ווי די שטערן אין דעם הימל, ווען ס׳נעמט טאָגן.

איך הער זיי קרעכצן, כ׳זע זיי טוליען זיך אין שרעקן,
פֿון טיפֿן שלאָף די מעשׂיות וואָלטן וועלן וועקן.
ווי אַ געוויינערן זיי קראַמפּן און זיך דרייען,
און אָט צוריק זיך שטעלן אויס אין גראַדע רייען.

פֿאַרדאַרטע שורות־צווייגן ציִען זיך אַראָפּ,
און איבער זיי עס שאָקלט זיך דער פֿרומער טראָפּ.
איך קלייב אַ זילב צו זילבע, נישטער יעדעס וואָרט.
און זאָג מיט זאָג פֿון זיך אַליין עס ווערט געפּאַרט.

איך לייען מעשׂה־בראשית, כ׳פֿרעג: אָ, ליבער גאָט!
צו וואָס איז דײַן באַשאַף, ווען מענטש ז׳צו שאַנד צו שפּאָט?
מײַן שטים פֿאַרגייט געבראָכן אין פֿאַרדעמפּטע קלאַנגען,
און מײַנע אויגן ווי מיט נעפּל בלינד פֿאַרהאַנגען.

פֿון מײַן טיפֿער בענקשאַפֿט אין די לאַנגע נעכט,
ווען די שעהן קריכן פֿויל ווי שוואַרצע קנעכט,
אַ געשטאַלט טויכט אויף... מיט מײַן באָבען אין דעם טייטש־חומש כ׳טו זאָגן.
בלייכן אותיות ווי די שטערן אין דעם הימל, ווען ס׳נעמט טאָגן.

מאַמע — טאָכטער

מײַן מאַמע האָט צו ליכט־בענטשן אַ יעדן פֿרײַטיק־צו־נאַכט
מיט אירע קליינע דאַרע הענט די אויגן זיך פֿאַרדעקט,
געדאַנקט זײַן ליבן נאָמען: דעם שבת שוין אין שטוב אַרײַנגעבראַכט —
פֿאַרדעקט דײַן טאָכטער אירע אויגן פֿאַרן טאָג, וואָס שרעקט...

גאָט זיינע הימלען האָט פאַרשלאָסן, פּנים זיינס פאַרהוילן,
אונדז טוט ער אָן רחמנות שפּרייטן מיסט אויף וויסטער ערד.
מיט זאָרג ער היט דאָס גראָז, די תבואות, קרייטעכער פון פוילן
אונדז לאָזט אויף־הפקר אומקומען פון פייער און פון שווערד.

גאַר־גאַר פאַרצייטנס האָט אונדז גאָט זיין וווּנדערבאַרע תורה
אין מדבר סיני דורך בליץ־דונערן, בראַנד־פלאַם געגעבן.
מיין מאַמע האָט געגלויבט, געשראָקן זיך פאַר אָן עבירה...
היינט ביי דיין טאָכטער אויף די ליפּן פראַגעס שוועבן...

מיין פרומע מאַמע אין איר טרערן־דורכגעווייקטער תחינה
צום ליבן גאָט געטראָגן פולן צוטרוי מיט געבעט,
דיין טאָכטער, אָבער, זעט אין אים עס פלאַקערט בלויז אַ שנאה:
זיין שטראָף איז אומגעהויער גרויס פאַר יעדן מינדסטן חטא...

מיין מאַמע האָט צו ליכט־בענטשן אַ יעדן פרייטיק־צ׳נאַכט
מיט אירע קליינע דאַרע הענט די אויגן זיך פאַרדעקט,
געדאַנקט זיין ליבן נאָמען: דעם שבת אין שטוב אַריינגעבראַכט —
פאַרדעקט דיין טאָכטער אירע אויגן פאַרן טאָג, וואָס שרעקט...

פאַרליר איך דיך, פאַרליר איך אַלץ

מיין גוטע פרומע מאַמע מיט זיך דאָך פאַר מיר — — —
מיין גאָט טוט וואַכן איבער מיר מיט אויג־השגחה.
און אָפּן האַלט פאַר מיין געבעט די הימל־טיר.
אין וואָס איך טו, ער שיקט זיין גנעדנדיקע ברכה:

ער הילט מיך אונטער זיינע זונענדיקע ברעמען...
און ווי די הימלען מיט די בערג כ׳גיס זיך צענויף:
צום טאַטן אויף אַ וואָלקן ווייס רייט איך אַרויף
און מיט זיין זונענגאָלדן קאָם ער טוט מיר פאַרקעמען.

אזוי פֿאַרטרייבט די פֿינצטערניש פֿון פּעכיק נאַכט.
— מיין קינד, צו לאַנג האָסטו געוווינט אין נעפּל־הילע.
די גרויע שאָטנס ערשט פֿאַרלירן שוואַרצע מאַכט, —
איך הער דעם טאַטנס־מאַמעס שטימעס זאַנפֿטיק־שטילע.

מיין האַרץ קוועלט אָן ווי יונג־צעקנאָספּענדיקער קוסט.
מיט אייגן אויג כ׳פֿאַרנעם מיין שטראַלנדיק געזיכט;
און ווי אויף שבת מאַמעס חלה, יוירט מיין ברוסט.
ווי אַ פֿרילינגדיקע לאָנע, ווער איך אויפֿגעריכט.

ווי בוים מיט גרינעם שירעם, שכל ווערט באַהיט,
געמיט אין מיר איז צייטיק פֿרוכט און בלומט און בליט.
בין איך איינע פֿון די הייליקע אמהות
וואָס דו טוסט פֿון מיר ניט אָפּ דיין געטלעך גנאָד?

מיך היטסט פֿון אַלדאָס בייז פֿון שונאימס רשעות, רעות.
שלאַנגען־צינגער בייסן קענען ניט מיין טראָט.
דאַרף איך פֿאַר די שלעכטע מענטשן זיך ניט שרעקן.

מיט אַכפּער שם איך טאַנץ אויס אין אומענדלעך קייקלעך.
די דרעמלענדיקע קרעפֿטן מיט געזאַנג טו וועקן.
גייט מיין האַרץ נאָך שוועסטער מרים מיט די פּייקלעך.

די אַלמנה

(צום צענטן יאָרצייט פֿון ב. ריווקין)

ווי אַ טיר פֿון אַ זאַווערסע, איר שווער לעבן רייסט זיך אָפּ.
טריפֿן ניט קיין טרערן, גייערט בלוט פֿון אירע אייגן.
איר צעווייטאָגט האַרץ איז דורכגעלעכערט, ווי אַ מעלערס זיפּ;
און איר הימל איז איינגאַנצן ווי מיט בליי פֿאַרצויגן.

ווי די תורה אין אַ מענטעלע, געוויקלט איז זי אין איר פּיין.
אונטער רעגן אָשיִענדיקן שטייט זי. וויינט אַ ביטערן געוויין.

אונטערטעניק בעט זי דעם אַלמעכטיקן, וואָס זיצט אין שטול פון דין,
בעט אים משפטן מיט האַרבקייט די, וואָס זענען האַרט צו איר, ווי שטיין.

שטייגט צום הימל איר געיאָמער, הערן די מלאכים,
רופן זיי צום בורא־עולם: — „גנעדיק, האַרציק פאָטער!
אויב ביי דיר קיין רחמים איז פאַראַן און מענטש איז הפקר,
זענען מיר פון אונדזער שליחות און התחייבות פטור".

מחנות פון מלאכים פרעגן: „איז ער איינגעשלאָפן?
לאָמיר וועקן אים און מינטערן מיט אונדזער תפילה".
די צדיקים און צדיקות זיך צעגויפגעלאָפן;
אָרעמס אויסגעשטרעקטע, הערצער קלאַפן ווי צו נעילה.

בעטן זיי און מאָנען: „אין דיין תורה שטייט געשריבן:
טאַטע ביסטו פון יתומים, ריכטער פון אלמנות!
האָסטו אָנגעזאָגט אונדז אַלע ליידנדע צו ליבן;
וואָס פאַרלאַנגסטו פון די נעבאַכדיקע מענטשן־קינדער?
פאַר דעם מינדסטן אָפּנויג שטראָפסט זיי ווי פאַרברעכער, זינדער,
ווען אַליין האָסטו פאַרגעסן מידה פון רחמנות..."

אליהו פאַלט אַריין אין מיטן אָט־די טענות:
— „זי איז דאָך, אָ, באַרימהאַרציקער גאָט, אַן אַלמנה!"
ווי אַ ליקוי חמה איז מיט מיטליד זון פאַרהאַנגען,
ווי דער ברענענדיקער דאָרן בלוטיקט די לבנה.

פליסטערט שטיל אַ שטימע און די עכאָס קליגגען מונטער:
— „קינד מיינס, אליהו! צו וואָס אָט דאָס שרייען, ריידן?!
וואַרף אַרויף אויף זיך דיין קיטל אויסגעהעפט מיט שטערן;
שפּאַן דיין פייער־וואָגן איין און לאָז זיך שנעל אַרונטער,
ברענג אַרויפעט די אלמנה, וואָס גייט אויס אין טרערן;
זאָל זי רוען צווישן די צדיקות אין גן עדן..."

(„יידישע שריפטן", באַנד 7, העפט 2)

אַליין ביים ערשטן סדר

אַליין ביים ערשטן סדר,
כ׳האָב אויסגעראַמט מיין חדר:
דעם ווייסן טישטוך אויפן טיש פאַרשפרייט
און שטולן צוויי כ׳האָב צוגעגרייט.

צוויי לייכטער אויפן טיש: די ליכט שוין אָנגעצונדן,
די פעקלעך פון מיין שווערן שיקזאַל אויפגעבונדן.
קיין מרור און קיין ביטער קרייטעכער געשטעלט:
אין לעבן האָט׳ס מיר קיינמאָל אויסגעפעלט.

דעם קאָפּ כ׳האָלט איבער דער הגדה איינגעבויגן,
די ווערטער קוים עס זעען מיינע טרערנדיקע אויגן...
איז קיינער נישט געקומען, דאָך איך זיץ און וואַרט,
איז מיין געבעט געבליבן שטיין ביי הימל־טויערן פאַרשפאַרט?

ס׳ווערט שפּעט, אַליין כ׳נעם זאָגן די הגדה,
מיט ענגליש־טייטש לויט דער אַמעריקאַנער מאָדע,
איך פרעג די ערשטע קשיא: מה נשתנה? גאָט, פאַרוואָס
פאַרענדערט האָסט מיין לעבן... גיסט מיר צרות אָן אַ מאָס?

און ס׳פאַלן מיינע טרערן ווי ביי דר׳מאַמען אויף דער תחינה,
דעם אַלטן גרויס־פאַרצייטיק תירוץ פון „עבדים היינו״
קען גאָט ניט זאָגן, און פאַרטראַכט ער שווייגט...
מיין קשיא, ניט פאַרענטפערט, ביז צום הימל שטייגט.

אין הימל ווערט אַ שטורעם; ביד חזקה ובזרוע נטויה — שרייט ער,
און שטרענג באַפעלט מיר זאָגן די הגדה ווייטער.
„אַ מעשה מיט רבי אליעזר און רבי עקיבא אין בני־ברק,
וואָס ביז פאַרטאָג דערציילן וועגן יציאת מצרים מיט געשמאַק״...

איך האַלט שוין ביי „כנגד ארבעה בנים דברי תורה״.
ס׳באַפאַלט מיך פּחד־ציטער, שרעק און מורא:
איך זע טשיקאַווע פיר פאַרשווינען לאָזן זיך אַריין,
און ווינקען אונטער צו די גלעזלעך וויין...

פאָרויס עס שפּאַנען צוויי, געשטאַלטיק ווי די ביימער,
„חכם מה הוא אומר? רשע מה הוא אומר״?
און הינטער זיי עס שלעפּט זיך נאָך דער תם,
ווי צווישן לאַנגע שורות — הינקענדיקער גראַם.

און גאָר צום לעצט קריכט נאָך דער „שאינו יודע לשאול״,
און „את פתח לו״, כאָטש עפּן אויף זיין מויל מיט שליסל...
געוואָרן פאַרטיק מיט די בנים פיר,
איך עפן האַסטיק אויף די טיר.

„שפוך חמתך אל הגוים״... אויף די שונאי־ישראל גיס אויס דיין צאָרן,
כ׳זע אליהו (הנביא) מיט אַ זאַק אויף זיינע ברייטע פּלייצעס איז צו מיר פאַרפאָרן.
ער זעצט זיך ברייטלעך אויפן צווייטן שטול און טרינקט זיין כוס —
און איך פרעג נאָך אַמאָל די ערשטע קשיא: גאָטעניו, פאַרוואָס?

(1958)

טרויער

אַ שמייך פון בייטש, אַ קאַרב מיין שטערן ט׳איינגעשניטן,
און ווי אַ רייף אַ פּאַס, אַ קלעם נעמט מיך אַרום.
הגם די ליפּן רופן צו דער קללה: „קום!״
דאָך ליגט זי דאָ פאַרשמאַכט, פאַרגליווערט שטום.

פון מיין נשמה טיר און פענצטער ט׳אויפגעבראָכן
און גאוודיק אַריינגעטרעמפּלט אין מיין וועלט,
און דאָרטן אַ טעאַטער־בינע אויפגעשטעלט,
דער שוישפּילער מיט גרוילן־מאַסקע זיך פאַרשטעלט...

איינזאַמקייט און עלנט
רינגלט אַנגסטיק מיך אַרום,
ווייטאָג פון מיין האַרצן
וואַרגט, פאַרוועגט מיין לעבן שטום.

שאָטנדיק און נאַכטיק
וועלט פאַרטונקלט זיך אַרום;
פעכיק שוואַרצער טרויער
זייט און שפרייט מיט טויט זיך אומעטום.

(„יידישע שריפטן" נומער 30, 1957)

אין דיינע אויגן דרעמלען סודות

אין דיינע אויגן דרעמלען סודות
און אויף דיין פנים צער, ווי נאַכט, זיך שפרייט.
איך האָב אַזוי געוואָלט דאָך זיין אַן עדות,
בעת אַ האַרץ, ווי דיינס, ווערט זיין דערפרייט.

איז מיר באַשערט מיט דיר איינינעם
צו זיין אין אָט דעם שוואַרצן חושך דאָ.
ווען כ'בין מיט דיר, איך דאַרף ניט קיינעם,
איך טראָג דיין צער ביז מיין לעצטער שעה.

אַ בוים אַ מאָדנער

אין גאַס, אַוווּ איך וווין,
כ'זע ביימער שטיין.
איין בוים אַ מאָדנער טיף פאַרטראַכט,
ווי פון דער פרעמד געבראַכט...

די ערד אַרום אים ניט באַגראָזט,
אַזוי באַשיידן, פשוט־פּראָסט.
— ווי קומסטו, בוים, אַזוי צו זיין,
דו שטייסט דאָך אונטער זונענשיין?

ביסטו דער בוים וואָס היט,
פאַר מיר זיך מיט?
און ווען די נאַכט ווערט שטום,
דו גנעמסט מיך שטיל אַרום?

וואָס פאַר אַ גוטער, ווילער איז דער מאָדנער בוים!
אויף זיינע גרינע צווייגן איך פאַרוויג מיין טרוים,
און בוי פאַר מיינע זומער־פייגעלעך אַ נעסט...
וואָס׳ט אָבער זיין, ווען ס׳קומט דער ווינטער מיט די פרעסט?

מיין שטומע שפּראַך

מיט אַ געזיכט אַן אויסגעבלייכטס, ווי די לבנה,
געשפּענסט־געשטאַלט פון אַ פאַרווירעכטער פאַרצערטער נאַנע
די שוואַרצע נאַכט מיין גוף מיט חושך ט׳איינגעהילט,
איך שטיי פאַר דיר מיט בליקן אָנגעגליט און אָנגעצילט.

איך קני ניט צו דער ערד, איך שטיי און האַרך, ווי איך בין טויב.
און מיינע טרערן זודיק האָגלען אויפן קאַלטן שטויב.
האַלב־נאַכט וויינט מיט, פאַרצערט, מיט שטימען גאַר אַ סך,
פאַרנעם זשע, ליבער, דאָס געוויין, מיין שטומע שפּראַך.

וואָס זוכסטו אין דער רויער ערד?

עס לויפט אַ גאַס נאָך גאַס, אָט בין איך שוין אין פעלד.
צו דיר מיין לעבן כ׳האָב געבראַכט,
ווי אַ מצבה ביי דיין קבר אים געשטעלט.
אין קנייטשן פון דער ערד מיין האַרץ באַהאַלטן,
זאָל דאָרט מיין ליבע ליגן טיף פאַרבענקט, פאַרשמאַכט.
און וואַרטן אויף מיין גוף דעם קאַלטן.

ווען פון דיין קבר כ׳בין אַהיים געגאַנגען.
מיין האַרץ האָט מיך גערופן אויף צוריק.

דער הימל איז מיט שרעק אַריבער מיר געהאַנגען:
וואָס זוכסטו אין דער רויער ערד דיין גליק?

לעצטע רו

פון נאַכט, דער פינצטערער, עס שיילט זיך פּנים,
ס׳איז שטיל פאַרגליווערט, קאַלט און האַרט.
ער שטעלט זיך ווי אַ שומר איבערן פענצטער,
ער קוקט און וואַכט און וואַכט און וואַרט.

פון מיין געלעגער כ׳הייב זיך אויף אַן שאָרך,
צום פענצטער טראָטוויז שאַר זיך צו.
איך לייג מיין אויער צו און האָרך, און האָרך.
מיך רופן ליפּן ערגעץ ווו.

און אויף מיין פענצטער בלייכלעך קרימט, זיך ס׳פּנים;
שניידט, ווי אַ קאָסע, האַלבע לבֿנה.
און בײדע ביי מיר עפּעס פרעגן, מאָנען,
מיט צייכנס דרייסטע מיך דערמאָנען.

דאָס פּנים ווערט אין שפּעטער נאַכט פאַרטרונקען,
צום פענצטער ציִען זיך צוויי הענט.
אַ שאָטן איז אין הויז אַריינגעהונקען..
און שאַרט זיך שטום אַרום די ווענט.

דיין נאָמען

אויף מיינע ליפּן האָט אַ טריף־געטאָן דיין נאָמען.
מיר דוכט, איך מאַך אַ ברכה פרום, און שטיל איך ענטפער אָמן.
דיין נאָמען ליב מיט העלער ליכט און שוואַרצן שאָטן, גלייך־אויף־גלייך
זיך מישט;
און ווי דער פרילינג־טוי דאָס גראָז, ער האָט מיין זעל דערפרישט.

און ווי אַ בלאָס פון ווינט, איך ציטער אויף פּאַר פּרייד און לייד.
מיין גאַנצעס ווען הערט זיך צו, וויל אויפכאַפּן באַשייד
פון שטילן פליסטער פון דער האַלבער נאַכט, צי גאָר אין בין השמשות,
ווען טרוימיק הימל, וואָרע ערד זיך טוליען ווי פאַרליבט, ניט דאַיק, דאָך ממשות.

און איך ווער טויב צום רויש פון טויט, וואָס וויגט זיך אין דיין נאָמען שטיל,
ווער בלינד צו דעם געדריי פון פליגלען אין זיין גסיסהדיק קאַדריל
אין שעה, ווען עס האָט זיך אין אים אַריינגעשניטן שאַרף פון גאָטעס שטראָף.
גלייך ווי אַ בלאָנקנדיקער חלף אין דעם האַלדז פון צאַפּלדיקן שאָף.

איז דאָס דער לעצטער חוזק פון דעם מענטשנס ערשטער האָפענונג,
גאָט, דו האָסט פאַרזייט
אין שטילקייט, וואָס אַריבערשרייט סיי קלאַנגען און סיי פאַרבן בלוי און רויט?
האָסט, גאָט, מיט זיבן שלייערן פאַרהוילן סוד פון דער נשמה,
און אָן רחמנות טרייבסטו מענטשנקינד אַ זוכנדיקן, בלאָנדזשעדיק
אויף וועגן קרומע לאַמע...

אויף מיינע ליפּן האָט אַ טריף געטאָן דיין נאָמען.
מיר דוכט, איך מאַך אַ ברכה פרום, און שטיל איך ענטפער אָמן.
דיין נאָמען ליב מיט העלער ליכט און שוואַרצן שאָטן, גלייך־אויף־גלייך
זיך מישט:
און ווי דער פרילינג־טוי דאָס גראָז, ער האָט מיין זעל דערפרישט.

פאַרבענקטע אויגן

פאַרבענקטע אויגן מיינע זען דיך יונג, שלאַנק.
מיר דוכט איך הער דיך, ווי אַ לייב דו ברומסט.
דיין קול פאַרגייט געשווינד, עס ציטערט קוים אַ קלאַנג.
צוריק אין אָפּהילך פון די הויכן קומסט.

און ווי אַ רעגנבויגן דעם פאַרוויינטן הימל,
מיט מיינע אָרעמס איך נעם דיך אַרום.
ס'איז האַלב אויף וואָר און האַלב אין אַ פאַרחלומט דרימל.
אין מיינע הענט דיין שאָטן רוט קאַלט, שטום.

העגט מייגע, אויסגעדינטע וויאָסלעס צוויי,
דאָס שיפּל פירן קאָנסטו שוין ניט מער,
ווי פליגלען פלאַטערן אין אַ זאַוויי,
מיין וועלט ווערט הרוב, וויסט און לער.

אוי, וויי און ווינד צו מיר,
צו מיינע ביסל יאָרן!
אין טיפן עלטער שיער
דורך איין נאַכט כ׳בין פאַרפאָרן.

מיין קערפּער בלוטיקט, ווי מיט שפּיזן דורכגעשטאָכן.
מיין זעל אַ לעבעדיקער מת.
אין טויט איך בין אַליין אַריינגעקראָכן,
און דאָך, איך וואַרט אויף גאָטס אַ נס.

פאַרבענקטע אויגן מיינע זעען דיך יונג, שלאַנק.
מיר דוכט איך הער דיך, ווי אַ לייב דו ברומסט.
דיין קול פאַרגייט געשווינד, עס ציטערט קוים אַ קלאַנג.
צוריק אין אָפּהילך פון די הויכן קומסט.

דער נדר

(צו ריוּוקיגס זיבעטן יאָרצייט ערב
ר״ח תמוז, תשי״ב (דעם 22סטן יוני)

איך האָב פאַרנומען דיין געוויין,
דיין גסיסהדיקע לעצטע טרער.
די ווערטער זיך געזיפּט דורך דיינע ציין:
„אוי, וויי! פאַרנעמען וועט מיין פּלאַץ, אָ, ווער?!״

כ׳האָב איפּגעציטערט פון די לעצטע רייד,
פון דיר כ׳האָב ניט גענומען קיין אָפּשייד.
פאַר מיר דיין פּנים, לבנה אין מיין הימל, תמיד שיינט,
אַ בונד פון לעבן און פון טויט איך האָב מיט דיר באַנייט.

אויף אַלע מײַנע װאַנדער־װעגן ליגט דײַן אָפּשײַן העל־פֿאַרטראַכט,
איך בין מיט דיר צוזאַמען: כ׳בין אַ טאָג, װאָס הילט זיך אין דײַן נאַכט;
און מעשה־שטן גײט מײַן לעבן אַזױ כסדר־כסדר אָן:
נאָך פּרימער פֿון מײַן מאַמען, כ׳האַלט דעם נדר, װאָס איך האָב זיך געטאָן...

(„דער טאָג", 22סטן יוני 1952)

אין שװערן צער

אין שװערן צער און אָן אַ פֿרײַנדס אַ װאָרט,
אין שװאַרצער שעה און אין גרױיען אָרט,
װי נאָר פֿון סאַמע װײַטן מיך דערזען,
געװאָרפֿן האָבן שונאים שטײן נאָך שטײן. —
װען איך די מוטער רחל װאָלט געװען,
װאָלט גאָט פֿאַרנומען מײַן געװײן.

שרײַב איך אַ בריװל צו אַ גוטן פֿרײַנד:
מײַן צער אַרױסרײדן איך האָב געװאָלט;
מײַן עלנט אי פֿון נעכטן אי פֿון הײַנט
מיט ציטערדיקע װערטער אים פֿאַרצײלן,
מײַן װײטאָג פֿון זײַן שאָלעכץ אַרױסשײלן —
מײַן אײנזאַמקײט מיט שװײַגן כ׳האָב געמאָלט.

מײַן װײטאָג אָבער האָט ער ניט פֿאַרנומען,
ער איז צו ביטער פֿאַר זײַן גומען, —
ער׳ט ניט געװאָלט מײַן שטום געשרײ דערהערן,
עס זאָל זײַן שבת־רו אים ניט פֿאַרשטערן.
װען איך די מוטער רחל װאָלט געװען,
װאָלט גאָט אַלײן פֿאַרנומען מײַן געװײן.

(„צוקונפֿט", יאַנואַר 1955)

פֿיר װענט

איך װױן צװישן פֿיר װענט אױסגעמױערטע פֿון קעלט.
װי אין אַ שטוב אָן פֿענצטער צו דער װעלט.

אָ, גאָט, איך בעט, איך פרעג:
פאַרוואָס פאַרשניידסטו מיך ווי מיט דער שאַרף פון זעג?

מיט גרויע כמאַרעס דעקן צו די נעכט
מיין צעשפּאָלטענעם געמיט;
איך קני און נידער צו דער ערד,
און שטום ווערט מיין געבעט.

און ווי אַ געבעך־שטערן
לעשט מיין האָפענונג זיך אויס.
אַלע מיינע טרוימען שטאַרבן אָפּ אָן קלאַנג, אָן טאָן.
אין ווייסן קלייד איך טו מיך אָן,
און צו זייער לוויה גייען: איך און דער פאַרבאַרגענער טאָג.

(„צוקונפט“, נאָוועמבער 1957)

פּאַראַבלט...

איז מיין בלוט קיין בלוט ניט?
איז פון פעלדזנשטיין מיין האַרץ?
איך עסן אויף אַ פריינטס אַ טיר מיט פּיין
און אויפן שוועל עס לעשט זיך אויס די שיין.

כ׳זוך קיין גליקן אויף דער קאַלטער ערד.
ס׳בלייען, ס׳בלויען פאַר מיר ניט די הימלען.
מיין טראָט עס אַנט אַ וואָרעם הויז אומזיסט,
מיין נשמה ווי אַ פּענעץ ברויט בעמט שימלען.

יעדער אָדער ווי אַ בעכער פול מיט סם,
און מיין גאַנצער וועזן ווערט פאַראַבלט...
אָ, גאָט אַלמעכטיקער! שטיל מיין געוויין,
ווי דו פאַרשטילסט די כוואַליעס פון דעם ים...

צו דיר...

און כאָטש דיין אַדרעס איז אַזוי גוט ווי פאַרלאָרן,
איך האָב דיך אַלץ ניט אָפּגעמעקט פון מיין זכרון.

דיין האַרץ האָט קיינמאָל ניט געשפּירט מיין פּיינפול וויי,
דיין אויער ניט דערהערט מיין תּפילהדיק געשריי,
דאָך אין מיין טיפן הימל שטייען מזרחדיקע פענצטער אָפן
פאַר דיינע בליקן... און זיי אַריינשיינען דו ווייסט. איך טו אַלץ האָפן.

מיר דוכט, אָט קומסט אַריין; און ווי אַמאָל אין די גאָר גוטע צייטן
מיין ליבשאַפט ציטערט אויף און בענטשט דאָס ליכט פון בלויען ווייטן.

און ווי איך זיץ אַזוי, דערזע איך אויגן פול מיט סודות,
וואָס פון פאַרליבטער גאַרונג, בשמחהדיק באַגערונג זאָגן עדות.
און, ווי אַ דאָרשטיקער צום קוואַל, צו דיר זיך שטרעקן מיינע הענט,
וואָס שוין פון פילע יאָרן פילן זיך פאַריתומט און פאַרשעמט.

און כאָטש דיין אַדרעס איז אַזוי גוט ווי פאַרלאָרן,
איך האָב דיך אַלץ ניט אָפּגעמעקט פון מיין זכרון.

(יולי־דעצעמבער, 1953)

פינגער פויקן

פינגער פויקן אין מיין פענצטער,
דאגות־קנייטשן שניידן אויף די שויבן,
בלייכער שאָטן פון אַ מענטשלעכער געשטאַלט
פאַר מיין נאַכטיק פענצטער האָט זיך אויפגעהויבן.

דוכט מיר, כ'קאָן שוין לאַנג דעם מענטשן
און זיין שטילער קול נאָך הערט אין מיין געהער.
וואָס זשע פויקט ער, פויקט ער אין מיין פענצטער
און זיין נאָמען שטראַלט זיך לויטער אין מיין זודיק טרער?

בענקשאַפֿט טראָגט מיך צו צום פֿענצטער.
מידקייט פֿריידיקע שטרעקט מײַנע גלידער,
לאַנגע פֿינגער פֿויקן, פֿויקן, פֿויקן —
מיטן פּנים פֿאַל איך צום באַריר אַנידער.

איך קום

כ׳קום דיר אַנטקעגן מיט מײַן נשמה און מײַן גוף.
איך טראָג זיך איבער בלינדע וועגן, שאָטן אין דער נאַכט.
דער גרויער נעפּל האָט פֿאַרווישט די שפּורן פֿון מײַן טראָט.
כ׳האָב זיך דערטראָגן, אויסגעבענקט האָב זיך צו דיר געבראַכט.

ווי ווײַנענדיקע צווײַגן עס זענען מײַנע הענט,
פֿאַרוועלקט און מאַט זיי הענגען אויפֿן הענטל פֿון דײַן טיר.
עס קריכן מײַנע אויגן דורך די שפּאַלטן פֿון דער שוועל,
צעעפֿענען די טיר, וואָס שטייט צווישן מיר און דיר.

פֿאַר מיר, אין האָפֿענונג, גייסט אויף, איך זע דו שפּרייזט, דו קומסט.
נעמט אַ געזאַנג זיך זינגען, און אַ ליכטיקייט זיך שפּינען.
איך הער דײַן קול אין גרינעם גראָז, נאָר וואָס פֿון שויס פֿון דר׳ערד,
עס הילכט און שפּראָצט דײַן ניגון ווי דער זוניקער באַגינען.

די האַלבע לבֿנה

גאָט אין הימל איז אַ דיכטער —
האַלבע לבֿנה איז פֿאַר אונדז זײַן ליד.
פֿאַר אַ פּינטעלע ער שטעלט אַ שטערן,
אונדזער גאָט זינגט, ווערט ניט מיד.

לבֿנה רעדט שוין פֿאַר אונדזביידן,
און מיר הערן ניט קיין ווערטער;
זי פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ פֿאַר גליק —
וואָס־זשע שווײַגסטו, דו פֿאַרקלערטער?

אין לבנה־שימער דיינע אויגן טיפער טאָל,
שלאַנק דיין גוף, דיין פּנים ליכטיק ווי קרישטאָל.
מיין נשמה אַ באַשעפעניש פון דער לבנה —
שרייט און מאָנט די בענקשאַפט פון אַמאָל.

זאָלןביידע גאָר ניט רעדן?
שטומע רייד מיך טוען פריידיק שרעקן.
אך, ווי שלעכט דו ביסט, מיין ליבער —
נעמסט אַ כעס אין מיר דערוועקן!

אונדזער גאָט ער קוקט צעשראָקן,
וואָס דו זאָגסט זיך אָפּ פון גליק.
האַלבע לבנה ווי אַ שורה אויסגעשטראָכן —
גאָט אויס דיכטער, ווערט ער גאָט צוריק.

(„יידישער קעמפער", 23סטן מאַי, 1941)

ביסט געקומען

איז מיין צימער קליין ניט היימיש.
מיינע אויגן צו דער טיר געווענדט.
כ'האָב מיין קאָפּ נאָר אויפגעהויבן —
און מיין ליבן פריינט דערקענט.

אַלע זאָרגן ווי פון זיך צערונען,
שטילע פרייד גייט אויף אין מיר.
קום צו מיר, קום, פריינט, דו מיינער!
וואָס־זשע שטייסטו ביי דער טיר?

האָסטו ליכט מיר אָנגעצונדן.
ס'שיינט מיר, וווּ דו שטייסט, דער אָרט.
וואָס־זשע שווייגסטו, פריינט, דו מיינער,
כ'בענק שוין לאַנג נאָך דיינס אַ וואָרט.

דער טאַנץ

אין אַ קייט זיך פלעכטן הענט,
ווייטאַגדיק זיך ציען צום דערגרייך.
לייבער וויקלען זיך ווי קרענקלעך וואָלקנס.
אויגן צינדן פלאַמען הימליש הייך.

אויף דער פרייער וויספּעס האַרטער ערד
לוסט גייט אויף פון גוף־באַוועג.
שטיל באַגינען האָט די נאַכט באַשווערט,
גליק צעווייערעכט ביז צום הימלס ברעג...

מידער אָטעם פּויזשעט קוים...
גופים ווי באַפרוכטע צווייגן נויגן שווער אַראָפּ.
פאַלן ווערטער פון פאַרחלשט ברוסטן,
טעמפּע שאַלן פון צעבראָכן טאָפּ.

געוואָלט פאַרגעסן

איך האָב געוואָלט פאַרגעסן דיך.
מיין האַרץ איז ווי פון בלעך אַ קוואָרט,
זאָל געמען קלינגען פּוסט און לער,
און זאָגן, מיטן קלונג, דאָס לעצטע וואָרט.

איך האָב געוואַרט, איך קאָן נישט מער.
דיך אויף אַ שטילן וועג באַגעגנען, —
וועם האַרץ אַ צוק־טאָן, בלייבן שטיל.
איך מוז מיט נאָמען דיינעם זיך געזעגנען.

דאָך ליפּן רופן, ווי פון זיך:
דיין נאָמען אין דער טיף באַהאַלטן
און איבער אים דורך נעכט זיי וואַכן. —
צר״ס בלייבן ליגן אונטער שניי דעם קאַלטן.

ווי קלאָר דורך נאַכט דער רוף בעמט קלאָגן:
וויי־ווי, עס איז מיר אַזוי שווער!
עס וועט מיין האַרץ שוין מער ניט שלאָגן.
דיין נאָמען טרינקט זיך אין מיין לעצטער טרער.

הײנט

הײנט ווײנט מיין אויג די לעצטע טרער.
דיין וואָרט געפאַלן ווי אַ בליי'נער וואָלקן שווער:
אין מיר פאַרגליווערט יעדן גליד,
ווי אַ לאַנצעט דיין זאָג האָט מיר געטאָן אַ שניט..

איך קלייב פאַרוואָרלאָזט זאַנגען אין פאַרשניט'נע פעלדער.
און זוך דיין לייכטן שפור אין גרינעם מאָך פון וועלדער.
אַן איינגעהילטע אין מיין טיפן שטומען טרויער,
קום איך צוריק און שטעל זיך ביים פאַרמאַכטן טויער.

עס זעצט זיך, ווי אַ לבנה־שטראַל, אויף דיינע ברעמען
מיין תפילה, וואָס איין גאָט אין הימל טוט פאַרנעמען.
ווי צווייגן ווײנענדיקע פון דעם ווערבע־בוים
אַזוי פאַרכליפּעט נויגט צו דיר מיין עלנט טרוים.

און טריפט מיט אומעט־בענקשאַפט, ווי די טראָפּנס רעגן,
וואָס פאַלן אויף פאַרווירטע בלאָנדזשענדיקע שטעגן. —
טעג מיינע אויסגעשעפּטע שלעפּן מיך טויט־מיר, —
און דאָך אין זייער טראָט עס הילכט מיין ליבע־ליד.

(1956)

זיך שיידן

ניט צווישן מויערן עס שמייט מיין נחלה;
ניט מיט שינדלעך איז באַדעקט מיין „כאַטקעס" דאַך.
ניט אַ פריינטלעך האַנט צו מיר עס טוט זיך שטרעקן.
ניט אַ גוטע בשורה האָט מיר ווער געבראַכט.

צו דיר, מיין ליבער גאָט, איך שאַר זיך ווי ביים אָפּגרונט־ראַנד.
און ווי אַ כלה אַ פאַרלאָזטע אין דעם טאָג פון חופּה,
אַ דערנער־קראַנץ איך פלעכט פון טרויער־טרערן און פון שאַנד.
די דערנער שטעכן זיך ווי נאָדלען ווייטאָגדיק און בלוטיק.

און ווי פון בייזע אויגן שאָטנס־ברעמען האָבן מיך באַגלייט
אויף מיין נע־ונדיק וועג דעם וויסטן, צרהדיקן לאַנגען, שווערן.
דער זאַמדיק מדבר האָט פאַר מיר קיין נאַכטלעגער, קיין טיש געגרייט,
אַפילו ניט קיין טראָפּן וואַסער לעכצנדיקע זעל צו קוויקן.

איך גאַר נאָך אייביק נאַכט, נאָך לעצטער אומגעשטערטער רו.
עס וויינט אין מיר מיין האַרץ ווי דורות מאַמעס בשעת נעילה.
צו מיין נשמהס פאַכעדיקן ווידוי כ'הער זיך צו,
און זע, ווי פון מיין מידן קראַנקן גוף זי נעמט זיך שיידן...

ניט צווישן מויערן עס שטייט מיין נחלה;
ניט מיט שינדלעך איז באַדעקט מיין „כאַטקעס” דאַך.
ניט אַ פריינטלעך האַנט צו מיר עס טוט זיך שטרעקן.
ניט אַ גוטע בשורה האָט מיר ווער געבראַכט.

(יוני 1951)

מוטער רחל

מוטער רחל, נעם געוויין פון דיינע קינדער,
טראָג אים, ברענג צו גאָט אין טרער פון דיינע אויגן.
דיינע הענט באַשיצנדיקע שטרעק צום הימל
ווי ביים לעבן דיין געבעט צו אים ט'געצויגן.

מוטער רחל, הגר שרהס דינסט ז'געווען,
האָט מען אויסגעלאַכט איר ביטער צאָרן,
דאָך איז תפילה אירע אין דעם וויסטן מדבר
פון דעם באַרימהאַרציקן געהערט געוואָרן.

איז דערהער איצט דעם געוויין פון דיינע קינדער,
וואָס צו דיר ער רייסט זיך דורך די שטומע קאַלטע ווענט;
ווייסט דאָך, מוטער איז פאַר אירע קינדער קיינמאָל טויט,
נעם־זשע אונדז אַריין אין דיינע שיצנדיקע הענט.

אַ געבעט

מיינע שוועסטער, לאָמיר ווי ירושלימס טעכטער
אָן באַגערונג אָנטאָן אונדזערע שענסטע קליידער.
יום־טובדיקע, אָפּריכטן געבעט צו גאָט,
אויסגיסן ווי גאָר פאַרצייטנס אונדזער האַרץ פאַר אים.

זאָגן: גאָט, אַ לויב צו דיר, אַ גאָט פון פּראַכט!
האָסט באַוויזן שיינקייטן אין הימל,
וועלכע האָבן אונדזערע אויגן ליכטיק אויפגעמאַכט,
טאָ באַווייז אונדז שיינקייטן אויך אויף דער ערד.

און אָן מורא זאָלן מיר זען אויפגאַנג פון פרימאָרגן.
און מיט זינגענדיקע לעפצן רימען וועלן מיר דיין נאָמען.
לאָמיר זאָגן ווערטער פון ירושלימס טעכטער:
דו ביסט אונדזער שיצער, דו ביסט אונדזער וועכטער.

מיין טאַטע

מיין טאַטע טראָגט אַ צער אין זיינע אויגן
כ׳געדענק עס גוט זייט איך בין אַ קליין קינד געווען.
איך האָב אין טאַטנס אויגן
דעם עלנט יידישן געזען.

נאָכמיטאָג שבת טאַטנס גוטע האַנט
האָט פינגער נאָך פינגער לייכט געטאָן אַ בראָך,
נאָך איצט איך הער אין קלאַנג
דעם גאַנצן יידישן „ווײ־אָך״!

מיין טאַטע איז מיר נענטער נאָך געוואָרן;
פון אים איך בין דאָך גאָר ניט ווייט אַוועק.
אויך מיינער איז זיין צער געוואָרן,
און איבער זיין וועג כ׳גיי אָן שרעק.

ווען איך דאָך אויף מיין טאַטנס וועג ניט פאַלן.
פון זיינע אויגן איז דער וועג געהיט.
זיין צער פליסט אין מיינע גלידער,
און זיינע קנייטשן רייפן מיין געמיט.

מיינע פעק

און וואַנדערנדיק וועג־איין, וועג־אויס,
כ׳פאַר אויף אַ וואָגן פול געפּאַקט מיט זאָרג.
ווען נאַכט איז צוגעפאַלן, כ׳האָב
גענומען זיך אַ דירה גאָר אויף באָרג.

האָב אויפגעבונדן מיינע פעק,
די גראָבע שטריק פון שווערער זאָרג צעשפּרייט,
איך האָב געלאָזט האַלב אָפן טיר:
אַן אָפענע פאַר מיר טיר זאָל זיין גרייט.

איך שליס די מידע אויגן צו,
איך הער ווי עמיצער ציט מיינע שטריק.
געבונדענע קעלבער, ליגן פעק.
איך זע: אָט שלעפּט מען זיי שוין אויף צוריק.

פאַרקערעוועט דעם דישל, — כ׳פאַר,
מיט האַלב צעעפנט אויגן דורך דעם שלאָף.
ווי קישנס, פעק צוקאָפּנס כ׳לייג.
דער וועג — אַ בעט און ציט זיך אָן אַ סוף.

דער וועג האָט איצט זיך פויל געצויגן.
און איינגעדרעמלט האָט אויך שווערער וואָגן.

די פּעק, ווי בעלמעס אויף די אויגן.
ביז נאַכט אַ מידע האָט גענומען טאָג.

דער מזרח טריפט אַ „גוטן־מאָרגן״,
די פּעק זיך רויטלען, ווי עפּל אויף אַ וואָגן.
אין ליכטיקייט זיך וואַשן זאָרגן.
פון וואַלד אַ ניגון האָט גענומען טראָגן.

צעוויגט דער ניגון אַ געשטאַלט,
קושט ווער די ליפּן? גלעט ווער מיינע הענט?
אין ניגון פון אַ שחרית וואַלד
האָב איך מיין טאַטנס זיסע שטים דערהערט.

צוריק אַ קינד ווי־נאָר ס׳נעמט טאָגן.
געשמאַק געשלאָפן ביזן שפּעטן מאָרגן.
און פון הלומות ווער געטראָגן...
מיין טאַטע שלעפּט שוין מיינע פּעק פול זאָרגן...

אַ חלום

מיין מאַמע האָט אַ טאָרבע מיר געבראַכט.
אין איר עס ליגט אַ לאַבן ברויט.
זי אויף אַ פּאַליצע אַוועקגעלייגט:
— מיין ליבע טאָכטער, זאָלסט מיר זיין באַהיט פון נויט.

איך האָב צעעפנט אָט די טאָרבעלע,
זיך איינגעקוקט אין לאַבן ברויט.
אין אים מיין מאַמעס פּנים שפּיגלט זיך,
אַ פּנים, וואָס אַריבער פופציק יאָר איז טויט.

נאַכט טרעפּ

איך ברען מיט רויטן פלאַם,
איך פאַל אויף ווייסן שניי.
צונויפגעדרייט — אַ קנויל —
מיט מיר מיין פּיין און וויי...

איך קלעטער אויף לבנה־טרעפּ,
איך זוך מיין לעצטע רו.
איך נעם אַלץ אָן פאַר גוט.
צום כבוד־שטול כ׳פאַל צו.

איך קום צו דיר, מיין גאָט,
איך שטעל מיין רעכטע באַק —
אויב ליבע איז אַ זינד,
איך ברענג אַ פולן פּאַק...

(„יידישע שריפטן", נומערן 23־22, 1946)

אין פריבאַגינען

צעהעלט־צעליכטיקט האָט זיך היינט די חושך־נאַכט.
שטיל־שמייל צערעדט זיך בוים צום גראָז, וואָס האַלב־פאַרטראַכט.
באַקליידט מיך טרויער פריידיקער מיט זילבער גרוי;
סאָ זאָל מיין אומעט אייביק לויכטן אָט אַזוי.

איך וואָלט חלומות אויסגעשפּונען ציטעריק און שטיל
און פאַרבאַהאַלטן אין מיין האַרצן טיף דאָס האַרצנסשפּיל.
איצט ווילט זיך מיר אַ גאַנצע נאַכט זיין אייניקע אַליין,
דיך זען אין פריבאַגינען אַ צעלויכטנדיקן שטיין.

צעשטערנט און צעליכטיקט איז די חושך נאַכט.
עס האָט צערעדט זיך בוים צום גראָז, וואָס קוים דערוואַכט.
באַקליידט מיך טרויער פריידיקער מיט זילבער גרוי —
סאָ זאָל מיין אומעט אייביק לויכטן אָט־אַזוי...

אַ גאָט

אָ, גאָט, דו גרויסער לעבעדיקער גאָט!
איך האָב געהיט דיין הייליקן געבאָט,
און דו האָסט גאָר מיט פּיין מיך אָנגעטרונקען.
אין מיינע אויגן טראָג איך טרערן־פונקען.

דו, בורא עולם, באַרימהאַרציקער גאָט,
וואָס האָט מיט רחמים וועלט באַשאַפן!
פאַרוואָס באַשטראָפסטו מיך אַזוי,
אַ פרוי אַליין אָן שוץ, אָן וואַפן.

ווו איז מיין פייערדיקער מליץ־יושר? האַלטסט אים דאָרט ביי דיר?
גבריאל איז דאָך מיט אַ פלי אין לאַנד מצרים אָפּגעפלויגן,
אַ שטיק־וואַנט, ווו אַ קינד געווען איז איינגעמויערט, האָט געבראַכט:
און משה רבנו האָט דיין פאָלק פון קנעכטשאַפט־הויז אַרויסגעצויגן.

אַצינד איך שטיי און פרעג ביי דיר, מיין ליבער גאָט:
אַ פרוי אָן איינזאַמע איז דאָך אַ גאַנצע אומה...
ווו איז דיין גבורה? ווו דיין חסד און דיין גנאָד?
איך רייד פאַר דיר, מיין גאָט, פאַר מענטשן כ'בין אַ שטומע...

די הייליקע אותיות

אַ נייע סדרה שקיעה:
דאָס ליכט עס לעשט זיך אויס,
די זון פאַרלירט איר שאַרפע ראיה,
ס'נעמט שאָטענען מיין הויז.

עס ווינקען שוואַרצע פאַרבן;
עס כמורעט זיך די נאַכט.
מיין גוסס האַרץ — עס וויל ניט שטאַרבן.
דער חושך האָט געבראַכט
אַ גלויבן אין דעם מענטשן,

אַ פונק פון האָפענונג־טרוים.
טוט ליבער גאָט מיט דעם מיך בענטשן,
ווי מיט אַ בלאַט דעם בוים ?

פאַר מיר דער האַרבסט דער שפּעטער
האָט פריידיק אויפגעשיינט :
כ׳זע פנימער פון גוטע בעטער
אין בלעטער אותיות היינט...

אַ חלום כמאַרעט

ווי אַ בוים אין וואַלד דעם טיפן,
ליג איך איינגעהילט אין שלאָף.
חלומען זיך מיר חלומות
אָן אַן ענד און אָן אַ סוף.

ווי אַ וואַלדביים ברעג פון וועגן,
לאַנגזאַם דרייט זיך מיין געדאַנק.
שפּיצן ביימער ציען שליאַכן,
דאַנק איך גאָט פאַר זיין געשאַנק.

נעמט דער רויטער מזרח פלעכטן
דינע פעדימלעך פון גאָלד.
שניטער, כ׳זע, טוט צווייגן שעכטן...
פליסטערט וועג : דו, האָב קיין שרעק.

מיט אַ נעפל־שליאַך פאַרצויגן —
שרעק איך זיך און שריי און שריי :
כמאַרע ווערגט דעם רעגנבויגן,
פון מיין חלום אין מיין שלאָף.

פאַרנאַכט

מײַנע קני אַ חורבה שטיבל
פון דעם ווינט אַ ציטער האָט געטאָן.
מיט אַ שקיעהדיק פאַריבל
ציִען שאָטנס, טונקלען גאָטעס טראָן.

פאַרנאַכט דעם טאָג אין מערב האַלט געבויגן,
און מיט אַ גרויען טוך די העלע אויגן
דער זון פאַרבינדט, ווי מיט אַ וואַנט פאַרשטעלט.
מײַן האַרץ קלעמט אין זײַן אײַנזאַמען געצעלט.

אין הימל האָט אַ כמאַרע זיך צעכליפּעט ביטער.
איך האָב דערהערט אַ רוף, אַ טריפנדיקן קול.
עס פאַלן קלאַנגען רעגנדיקע דראָבנע שיטער.
מײַן וועג פאַרנויגט זיך באַרג אַראָפּ אין טיפן טאָל.

כ׳בייג זיך, ווי אַ זקנה, צו דער ערד איבדרייען,
ווי אַ בלינדע כ׳טאַפּ אַ שטיקל דרך,
פון מײַן שטעקן ריכטונג איך בין גרייט צו לייען...
לאַסט פון יאָרן, גרינגער ווער! — פאַרשווער איך.

יאוש

אין אַ פרעמדן ווינקל כ׳האָב מײַן היים געמאַכט.
מײַנע יאָרן און מײַן לעבן כ׳האָב צו קבורה לאַנג געבראַכט.
פון זיי איך בין אַ בלייכע אָפּשפּיגלונג, אַ גרויער שאָטן,
פאַר מיר אַפילו שויס פון מוטער ערד איז אויך פאַרבאָטן.

אָ, גאָט, אַזויפיל שווערע יאָרן, איז פאַרבליבן מיר נאָך מער?
און לעבן ווי אַ שאָטן ווערט דאָך אויכעט אומדערטרעגלעך שווער.
און צרות, לײַדן האָב איך אָנגעזאַמלט איבער פיל,
אין מײַנע ווינקלען ווײַנען זיי, אויף אַ בית־עולם קברים שטיל.

(1950)

מײַן טרויער

גלײַך צו אַ שטערן, װעלכער אײַלט פֿון הימל צו דער ערד
און טראָגט זײַן פֿונקען־בשׂורה, װאָס׳װערט פֿון אים אַלײן דערהערט;
און דער ים אין לויטערקײט פֿון לופֿט — פֿון שוואַרץ ווערט בלויער,
אַזוי עס פֿנימט זיך, געשטאַלטיקט זיך מײַן איצטיק טרויער.

אַט דוכט זיך אים ער כוואַליעט זיך אַרויס פֿון אונטערן שטורעם,
ער יאָגט און גיכט מיט ווילדן אימפּעט צו דעם זונענטורעם
מיט ברייט צעעפֿנטע צעפּאַכעטע שוואַרץ־פֿליגלען;
און אַט ער שפּיגלט שוין מיט רעגנבויגן אויף די היגלען.

און ווי אַ פֿויגל אין די וואָלקנס איז ער גלײַך פֿאַרפֿלויגן;
און אַט צעליכטיקט זיך, ווי אומשולד אין צוויי קינדיש אויגן.
דער טרויער פֿלייסט זיך שוואַרצקייט פֿון זײַן פֿליגל אויסצובלייכן,
און זינקט אין אָפּגרונט פֿון די רויִקע פֿאַרטראַכטע הייכן.

(1957)

דער הימל שמייכלט...

דער הימל שמייכלט: נידערט גאָלדן זון אַראָפּ.
זי ציטערט ווו צו שטעלן פֿון איר טראָט דעם טראָפּ.
נישט שוין־זשע איבעריק איז מײַן דערבייזײַן דאָ?
„גיי ניט אַרונטער, ערד פֿאַר דײַן ליכט איז ניט ראוי.

די ערד איז שוואַרץ, און מעכטיק איבער איר ז׳געיעג.
אין גרויזאַם שרעקעוודיק פּאַכט האַנט ווי טעמפּע זעג...״
די גאָלדן זון געלעגער זוכט, ווו זיך צו לייגן?
פֿאַרוואָרפֿט איר קאָפּ, אין הימל איז צוריק פֿאַרפֿלויגן...

אַן אות

דו מענטשנקינד! דו האָסט געטויבט, ווען איך האָב יאָמערלעך פֿאַר דיר געוויינט.
דער פֿאַל פֿון טרערן האָט אין דיר קיין אָפּקלאַנג ניט געפֿונען.

איך האָב געבלוטיקט, פון אַ ליפּע־בוים דער זאַפט גערונען.
עס האָט דיך ניט גערירט... — אַ ציטער האָט געטאָן דער הימל, ערד...

אַ וואָלקן־אָרעם האָט אַ פּאָך געטאָן אין הימל־בלוי — אַ האַנט פון גאָט.
געהאַלדזט האָט איצטער מיך זיין שטים, פונקט ווי מען האַלדזט אַ קינד.
איז גוט. איך וויים ער איז מיין פאַסטעך, איך זיין שאָף און רינד.
גענומען וואַכן איבער מיר האָט דער געטרייער שומר — זיין געבאָט.

און מיין געפיל עס קענען ווערטער ניט דערציילן, מעסטן קען קיין מאָס.
כ'זיך איינגעבויגן, ווי מיין באָבע, איבער ספרים פרום.
כ'זע אותיות הייליקע אַט וואָגלען מיט די אָבות שטום.
עס דוכט זיך מיר, כ'בין עלטער פון מיין עלטער־באָבעס סידורס אַלטן אות...

דו טאָרסט ניט שטומען

פון הימל רינט אַ געלער שפּאַט;
ווי דורך אַ דאַך, צעבראָכענעם, דער רעגן;
ביי די שוועלן יאָמערט אונדזער טראָט
ימען טרערן פלייצן אונדזערע ברעגן.

פון די הערצער שיילט זיך אויס אַ קרעכץ,
ווי דער ליים פון נאַסער סטעליע,
און דער שונא שעכט און שעכט —
זיינע אָרגיעס שדימשע קאַפּעליע.

אָ, גאָט, דיין נאָמען ציטערט אויף די ליפּן...
דו קאָנסט ניט אָפּקומען מער מיט אַ טרער,
דאָס פּנים פלאַמט פאַר שאַנדע, ווען דו כליפּעסט...
דיין שטימע טאָר ניט שטום זיין מער.

פון הימל רינט אַ געלער שפּאַט;
ווי דורך אַ דאַך, צעבראָכענעם, דער רעגן;
ביי די שוועלן יאָמערט אונדזער טראָט
ימען טרערן פלייצן אונדזערע ברעגן.

דיין נאָמען האָט פאַרבלאָנדזשעט...

דיין נאָמען האָט פאַרבלאָנדזשעט זיך אויף מיינע ליפּן,
ווי וואָלקן בלייענער בלייבט הענגען שווער.
אויף מיינע ליפּן קאַלט, פאַרפראָרענע ווי פרעמדע שוועלן, —
בלייבט ליגן אַ פאַרגליווערט טרער.

די שאָטנס ציִען פינצטערע ווי שווערע כמאַרעס.
עס שפּאַרן טעג פאַרלאָשענע געדיכט,
מיט שוואַרצע קעפּ מעת־לעתן קריכן, פּויזשען פון דעם נעפּל.
דיין נאָמען צוקט אויף מיין געזיכט.

איך און מיין שאָטן

אונדזביידן האָט דער שוואַרצער גורל לאַנג פאַרצווילינגט.
אין שטורעם־ווינט געוואָקסן ביימער קרומע צוויי.
טעג האָבן זיך געהוידעט, יאָרן זיך געהורבעט.
פאַרקריפּלט האָט אונדז דער צווילדעווועט זאַווי.

אויף קוליעס הילצערנע טעג זענען ווייט אַוועק.
ווי זעלנער פון אַ שלאַכטפעלד אין אַ וויסט געיעג.
האָב איך און שאָטן מיין געוואָגלט אויף די ווענט,
געוויגט, געוואַקלט זיך אין ווייטאָג און אין שרעק..

טעג, יאָרן מיינע ווי די אָקסן אין דער סאָכע,
דערשלעפּט האָט איר מיך און מיין שאָטן ביז טויט־מיד.
צערייס איך, יאָרן, טעג, מיין לעבנסבונד מיט אייך
דורך דעם געזעגנונג־ליד.

צו אַ פריינט

מיין פריינט, ביט איבערפּיל דיין האַרץ מיט זאָרגן,
וואָס כ׳גיי פון דיר אַוועק.
מיין לעבן, ווי דער הימל איז פאַרבאָרגן;

און ווי די וואָלקנס ערגעץ טראָגן,
טראָגט מיך דאָס לעבן ווייט פון דיר אַוועק.
איך האָב זיך שטענדיק שאָטנדיק פאַר דיר אַרומגעטראָגן,
ווי דורך אַ נעפּל, ניט אַנטפּלעקט,
האָסטו מיין צער, טיפן צער, אין מיר קיינמאָל ניט אַנטדעקט.

אַ האַנט

אין אַ פינצטערער האַלב־נאַכט
ציט צו מיר אַ ביינערדיקע האַנט.
בלייבט זי הענגען איבער מיר,
ווי אַ בעטלער בעטלט ביי דער טיר.

וועמעס האַנט, זע, וועמעס האַנט?
יאָרן איילן, לויפן אויף צוריק.
ציטערט, חלשט אָט־די האַנט,
טיילן האָט געוואָלט מיט מיר איר גליק.

און אויף מיינע פּלייצעס האַנט
הענגען בלייבט טאָרבע מיט איר צער;
ליגט די האַנט אָט אויף דער ערד.
וויינען פינגער ביים ליכט פון פאָנאַר.

וויל איך קניִען צו דער האַנט,
פּלאָנטערט בלייכער שאָטן ווי אַ שלייער,
און ס'צעהוידעט זיך פאַר מיר געשטאַלט
אַ פאַרוויקלטער אין טרויער.

בלאָס פאַר מיטלייד און פאַר שאַנד,
פינגער שטרעקן זיך צו וויינענדיקער האַנט.
קנוילן ווייטאָג, שמערץ און פּיין, וואָס ניט פאַרגייט.
בלייבן הענט צוויי ליגן ביים צעבראָכן פּלויט.

פֿאַרוואָס אַזאַ שטראָף

אַ גאָט! כ׳נעם אַלע דיינע שטראָפֿן;
איך ווייס ניט: האָב איך זיי פֿאַרדינט?
מיט אַ נשמה האָסטו מיך באַשאַפֿן,
מיט דעם, וואָס מיך צו דיר פֿאַרבינדט.

אָ גאָט! מיין צער איז אַזוי גרויס!
אין שלאָף שרעק עפּנט מיינע אויגן,
דיין גאַנצע גרויסע ליכטיקייט איז אויס;
האָט נאַכט די שטערן אויסגעזויגן?

פֿאַרוואָס די שטראָף? ווי גרויס מיין זינד?
מיין גלויבן איז דאָך שטאַרק געווען —
אַ פֿאָטער ביסט פֿון חסד צו דיין קינד —
פֿאַרוואָס דיין גנאָד האָט מיך פֿאַרזען?

(1947)

אַ בליץ

איך וויקל זיך אין פֿינצטערן אַליין.
ווי אַ שווערלייביקער העלפֿאַנט קריכט די נאַכט.
אין וויסטעניש צעטראָגט זיך מיין געשריי
פֿון אַ פֿאַרוואונדטן קריגער אין דער שלאַכט.

עס ציט זיך מיין געדאַנק, ווי קלעפּיק פּעך,
אין פֿאַנצער פֿון אַ שרעקלעכן אָי־וויי.
און מיינע טרוימען אויסגעמאַטערטע —
זיי האָבן זיך צעטאַנצט אין ווינט־געדריי.

אַ מעסערדיקע קעלט, אַ שאַרפֿע היץ
מיין לייב זיי האָבן גרויזאַם דורכגעשפּיזט.
ציין בייסן ליפּן איין ביז בלוט,
מיין לעבן לעשט זיך שנעלער פֿון אַ בליץ...

טעג שיכורע

טעג שיכורע וואַלט איך געניסן —
פון וואָגלעניש געהאַט אַ סך;
זיי האָבן לעבנס מײַנס אויף פּעדימלעך צעריסן.
בלויז טעג פון שיכרות וואַלטן, אפשר, פרייד געבראַכט.

אַ שיכור וויל פון קיין זכרונות וויסן,
די איבערלעבענישן קערן זיך צוריק ניט אום.
פּאַרטויבטע שיכרות זעט אַ חלום נאָר אַ זיסן,
ווען ניכטער וואַלגט היימלאָז, מיד און שטום...

גליק

ווי אַ דולע אין מײַן פענצטער
ט'אָנגעקלאַפּט די נאַכט:
„שוין שטיי אויף! וואַך אויף!
כ'האָב אַ נשמה דיר מיט גליק געבראַכט".

מיט אימפּעט כ'כאַפּ זיך אויף,
איך בין געשמידט צום בעט;
אַ חלום כ'האַלט אין מײַנע ביידע הענט.
זײַן שטים צו מיר זי רעדט:

— זיי וויסן, איך בין ווי אַ שטורעם,
וואָס פליט פאַרביי אין שנעל געאייל.
איך טו דאָס גליק גלײַך, ווי אַ פעדער פון דער האַנט אַ בלאָז,
און ווי פון רעגנבויגן פייער־פאַרבן־פייל.

כ'וואַך אויף.
איך פיל די זייד פון זײַנע לאָקן אויף מײַן רעכטער האַנט,
איך שפיר זײַן אָטעם־צוק אויף מײַנע ליפּן,
ווי פלוס פון טייך צום אויסגעטרוימטן לאַנד.

נאַכטיק חלום

די נאַכט איז טראָגעדיק געוואָרן
מיט שטילער רו —
וואַרפט מידע בליקן אויף מיין בעט.
האַנט צערטלט מיין הייס לייב: דו! דו!

נאָר פלוצלונג פיל איך אַזאַ קעלט,
ווי טויטע פינגער פירן, פירן...
מיין הייסער אָטעם אייזיקער פון גליווער,
מיין בעט ווי פון אַ תפיסה טירן.

נעמט קלאַפּן האַסטיקער מיין האַרץ,
ברענט שטאַרקער־אויף מיין צאָרן,
וואָס נאַכטיק חלום
האָט פוסטן טאָג געבאָרן.

גרויס־ניו־יאָרק איז עולה־רגל צום אַטלאַנטיק

אָ, נאַכטיק ים, דו נאַכטיק ים, פון כאַאָס פאַרבראשיתדיקן אָפּגעשיידטער.
אין דיינע אינגעווייד דער אומעט פון באַשאַף פאַרטאַיעט ליגט
אַן אויסגעשפּרייטער.
אין דיינע טיפענישן באַנג פון יצירה איז פאַרחתמעט אונטער זיבן זיגלען,
אין דיינע שוימענדיקע כוואַליעס ווירבלען גאָטס טרויעריקע פליגלען.

אין דיינע אָפּגרונטן גאָטס צער זיך טרינקט פאַרטרערט,
און אויף דייך אויבערפלאַך זיין יאָמער ווערט דערהערט.
און אין דיין ברויזן טראָגסט זיין אומגעשטילטן צאָרן,
פאַרדרוס וואָס ער אַ מענטש־באַשאַפער איז געוואָרן.

נאָך האַלבער נאַכט דער בורא־עולם פּראַוועט חצות, פאַרווייַנט ווי אונדזערע זיידעס אָבות.
טרינקט אויס זיין אָפּגרונטיקן כוס, געזאַלצענעם און ביטערן ביז סם־המות —

דאָך גאָט־ים קען ניט שטענדיק בלייבן אַ פאַרוויקלטער
אין אומגעטרייסטן טרויער.
ווערט ים פון אומעט אויסגעלייזט, מיט זונאויפגאַנג עפנט זיך
פון פרייד דער טויער.

דער טויער אָפן — שטראָמען אָן און אויפהער מאַסן.
סיי יונג, סיי אַלט קומט קוויקן זיך מיטן ים פון פרייד.
אַ שפיגל שפרייט זיך פאַר די פנימער פון ראַסן.
אויף כוואַליעס טראָגט אַ קילער ווינט פיל־שפראַכיק רייד.

איז גרויס ניו־יאָרק הייַנט עולה־רגל צום אַטלאַנטיק,
ווי צו אַ טעמפל מיט כוונות און געבעט.
ס'איז אייביק יונג די פרומע ברויזנדע ראָמאַנטיק;
דאָס לייב צום וואַסער ציט, ווי אייזן צום מאַגנעט...

אַ „לעבנס־רעטער"־שיפל שטייט אין מיטן ים.
די ייִנגלעך מיט די מיידלעך אין די אינדן שטיפן;
די ליבע בילדער איינגעפאַסט אין יוגנט־ראַם;
לעגענדעס אויסטערלישע טויכן פון די טיפן:

אַט פלוצלונג שטייגט אַ פרינץ אַרויף פון וואַסער־תהום,
אַ פרינץ, וואָס דס'מיידל האָט געזען אים אין איר טרוימען,
ער פאַנגט זיין ליבע מיידל, שווימט אָפ מיטן שטראָם
און הינטער זיי עס זילבערט זיך אַ שליאַד פון שוימען...

קוקט מענטש־באַשאַפער אויפן פאָרל און קוועלט אָן מיט פרייד.
זיין זון אין הימל שמעלצט איר שטראַלן־גאָלד פון נחת;
גאָט שאָקלט מיטן קאָפ: „באַשאַף טוט מיר ניט לייד...
מיט יונגוואַרג בונד באַניי איך, זאָל זיין אַ יד־אַחת..."

(„יידישע שריפטן", 1955).

אַ רפואה געבראַכט

ס'איז פֿרייטיק הייַנט, אין שטוב איז קיינער ניט געווען.
אין פֿענצטער האָט געקלאַגט, געקלאַפּט אַ דראַבנער רעגן.
אַ קראַנקע אויפֿן קראַנקן־בעט איך בין געלעגן.
און פּלוצלונג כ'האָב אַ גאָלדן פֿייגעלע דערזען.

שטייט, טוויטערט, פֿאַלן אָפּשפּרעך־ברעקלעך אויפֿן טיש.
פֿאַרחידושט כ'קוק עס אָן מיט פֿאַרשנדיקע אויגן,
און פֿרעג: צי האָסטו מיר פֿון אים געבראַכט אַ גרוס?
צי האָט ער דיך געשיקט, צ'אַליין אַריינגעפֿלויגן?

האָסטו געבלאָנדזשעט אָדער גלייך צו מיר געטראָפֿן?
ביסטו געקומען היילן מיך, פֿילייכט גאָר שטראָפֿן?
עס שווייגט דאָס אורחל און ענטפֿערט ניט קיין וואָרט.
און שטייט ניט איין קיין איינציק רגע אַף אַן אָרט.

דער טאָג פֿון פֿרייטיק האָט זיך לאַנג געצויגן,
פֿאַרנאַכט דאָס גאָלדן פֿייגעלע ז'אַוועקגעפֿלויגן.
פֿאַרוווּנדערט כ'פֿרעג: וואָס האָט פּאַסירט? וואָס ט'זיך פֿאַרלאָפֿן?
אַ נס, אַ נס מן השמים האָט געטראָפֿן.

דער אורח אַ רפואה שלימה האָט געבראַכט.
איך בין גענעזן מיטן אָנקום פֿון דער נאַכט.

ה. לייוויק

דו ביסט צו אונדז גאָר אומגעריכט געקומען,
ווי אַ פֿאַרצייטיקער פּראָפֿעט, מיט שטילע טריט.
און פֿאַר דיין פֿאָלק אַן אויסוועג צו געפֿינען,
האָסטו אין זאַמד פֿון מדבר דיינע פֿיס געבריט.

פֿון פּאָסט באַשעפֿער האָט פֿון יונגפֿרויס בלוט
צו דעם געראַנגל אייביקן געהערט דעם רוף.

מיט פרוי אין דיין גערַאנגל אויסוועג האָסט געזוכט,
פאַרשניידנדיק בלוט־פּאָסן אין דיין אייגן גוף.

פון וויטאָגן אַ דורכגעלייטערטער,
מיט וועלט־צער דיינע אויגן ליכטיקע פאַרדעקט.
האָסטו פון ליידנס אָפּגרונטן אין טיפן האַרצן
אַ נבואה־זעאונג נאָך אַ זעאונג אונדז אַנטפּלעקט.

פון חלום אויסגעפייניקט האָסט געשטאַלט,
און מיט דעם טרוים־געשטאַלט געגאַנגען זאַלבעגאַנד.
כדי מענטש צום אויבערמענטש דערחלומען אין וואָר,
איצט גייט איר ביידע אין גערַאנגל האַנט אין האַנט.

האָט אויפגעפלאַטערט בלוטיק פאָן פאַר פרייד.
געשטאַלט האָט זיך דערלאַנגט צו דעם פאַרשפּראָכן לאַנד.
און דו? מיט אַ דערלייזונג־ברכה אויף די ליפּן
געבליבן הענגען איז דיין בענטשנדיקע האַנט...

יי ד י ש

האָט מענדעלע די קלאַטשע צו אַ בויד געשפּאַנט
און זיך געלאָזט אין אַ נסיעה איבער לאַנד.
אַ לאַנד פון חורבה, לאַנד פון יידיש־גלות־שפּראַך.
האָט די נסיעה אָפּגעטאָן אַ וווּנדער־זאַך.

אין חורבה אין דעם רעכטן מיט
אַ בוים האָט זיך צעצווייגט, צעבליט.
ווער אַזאַ וווּנדער האָט געזען?
אַ וווּנדער גרעסערער ז'געשען.

אויף זיינע הויכע צווייגן מעשיות זיך וויגן,
און בלעטער שפּיצן זיך, ווי פינגער אַף קלאַווירן,
און שפּילן־אויס אַ יידיש חנעוודיקן ניגון
צו שטיבער מיט די מכנוס־אורחימדיקע טירן.

נאָך מענדעלען, שלום־עליכם, פּרץ און משפּחה,
געבראַכט זיי האָבן אין דער חורבה מזל־ברכה.
אויס חורבה — רחבותדיקער פּאַלאַץ מיט כל־טוב.
אַ שפּראַך מיט אַ נשמה און מיט יידיש גוף.

היינט זיצי יידן אַרום טיש פון דער גמרא,
זיי קנייטשן הויכע שטערנס, גלעטן לאַנגע בערד.
אַ פשטל — היך, אַ פשטל — הער, אַ שטאַרקע סברא,
די קליאַטשע מענדעלעס ז׳געוועזן שוין גאָר קיין פערד.

מ יי ן ג אָ ט

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין תמרהלען

מיין גאָט! האָסטו געלייענט חיהס בריוו
וואָס זי׳ט געשריבן צו איר ברודער אין דעם הייליק־לאַנד?
איך האָב אים יאָ געלייענט און אָט איצט פרעג: האָסטו אויך?
מיין לייב איז אייזיק־גליוועך, איך פאַרליר שיער מיין פאַרשטאַנד!

ביסטו פאַראַן? האָסטו אַלץ צוגעזען, — איז וואָס האָסטו געטראַכט?
דו, דער באַשעפער און דער שיצער פון דער גאַנצער וועלט.
האָסט צוגעקוקט, ווי ד׳אַלטע באָבע מיט איר קערפּער האָט געשיצט דאָס קינד —
אַפילו פאַר אַזאַ תמרהלען האָסט זיך ניט איינגעשטעלט?

צו לייענען די גרויליקע ווערטער שעם איך זיך.
איך בויג מיין קאָפּ נאָר טיף צו דער פאַרפלוכטער ערד;
איך שעם מיך צו טראַכטן, אַז איך בין אַן אָפּשטאַמלינג פון דיין באַשאַף.
תמרהלע, תמרהלע! צעטראָטן ביסט געוואָרן פון צעיושעטע געמאַנען־פערד.

דו באַרימהערציקער גאָט־פאָטער; האָסט עס צוגעזען
און גייסט אָן מיט דיין לעבן פונקט ווי יעדער שטיקל מענטש טוט?
איך בין דיין קינד, און דו — מיין טאַטע, איך שעם זיך פאַר דיר.
און זיכער האָסטו זיך דאָך ניט געקוויקט מיט קינדס תמרהלעס בלוט?

חיה עלבוים הארעמבוס, תל־אביב, — „אַ בריוו צום ברודער״.
15טן דעצעמבער, „היימיש״, 1957 נומער 7 (8).

דער ליגן

(ב י ל ד)

אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט אויסגעסטאַרטשעטע באַקנביינער, מיט טיפע קנייטשן ביי די מוילווינקלען בלאָנקעט אַרום הין און הער איבער דער שטוב.

איר געמיט איז קאַלט און פינצטער.

שוין וואָכן, אַז זי הערט נישט און וויס נישט, ווו איר מאַן איז.

אירע דינע ליפן מורמלען עפּעס נאָכאַנאַנד, ווי זיי וואָלטן וועלן אויס־דערציילן פאַר עמיצן איר וויי.

דער הימל, מאַט און ברוגז, הענגט שווער אַראָפּ.

אַ קאַלטער טרויער, ווי דער טרויער פון סוף האַרבסט, טראָגט זיך שטילערהייט פון שטוב.

אין שטוב שטייען צוויי קינדערלעך אויף אַ האַלב־צעבראָכענעם בענקל.

זייערע הענטלעך און פיסלעך זענען בלוי און ווי אָנגעלאָפּענע פון קעלט.

די קינדער קוקן אין ווינטערדיקער גאַס אַרויס, ווו שנייעלעך — ווייסינקע, פּוכינקע, זילבערנע דימענטלעך פאַלן און פאַלן פון הימל אַראָפּ.

די מאַמע גיין פאַרוווּנדערט צו די קינדער צו.

זייערע קעפּלעך טוליען זיך איינס צום אַנדערן און די פּנימלעך ציִען זיך צו דער ניט־אויסגעזעצטער שויב.

אין פּלוצלונג:

— זע, מאַמע, זע! — האָבן די קינדער טאַנצנדיק אויסגערופן אין איין קול.

דער קאָפּ האָט זיך טיפער אַ נייג־געטאָן צו דער שויב.

דאָרט אין דרויסן האָבן עטלעכע קינדערלעך, אין װאַרעמע מאַנטעלעך אָנגעטאָן, געהאַלטן שטיקער ברויט, געשטיפּט און געשמאַק געגעסן.

דער מוטערס האַרץ האָט זיך אַ שפּאַלט געטאָן אויף צוויי. אין האַלדז ביי איר האָבן „פויסטן" זיך אָװעקגעשטעלט. די הענט אירע האָבן די קינדערלעך געקלאַמערט שטייפער צו דער ברוסט און איר קול האָט ציטעריק געפּליסטערט:

— באַלד, באַלד, קינדערלעך, וועט פּאַפּאַ קומען און וועט ברענגען לאַבנס ברויט.

ביי די ווערטער האָבן זיך אירע אויגן געוואַשן פון טרערן, איר האַרץ האָט זיך געפּליקט און געריסן אין שטיקער... שוין צוויי חדשים, אַז איר מאַן איז אַוועק פון שטוב און קיין ברויט איז נישטאָ. דער הונגער לויערט. קיין מענטשנס האַנט קלאַפּט נישט אין טיר...

אין דרויסן זענען שנייעלעך — ווייסינקע, פּוכינקע, זילבערנע דימענט־לעך געפאַלן און געפאַלן פון הימל אַראָפּ.

(„חבר", לעצטער נומער פון 1935, ווילנע).

איבערבליקן

אין געראַנגל מיט זיך אַליין

(חיים גראַדעס ביך לידער „דער מאַמעס צוואה״)

דאָס בוך לידער עפנט זיך מיט אַ בילד פון דיכטערס מוטער. איר הויכער שטערן און ווייטער בליק דריקט אויס פאַרטיפונג אין זיך און פעסטע אַנט־שלאָסנקייט זיך צו פאַרמעסטן מיטן גורל. טוט זי טאַקע אָפּ וווּנדער איר זון, דעם דיכטער, חיים גראַדע.

דער בלעטער־פאַל איז געוואָרן מיין קלייד (ז׳ 11).

אויפן בוים פון זכרונות בלעטערט זיך, בלאָט נאָך בלאָט, דער מאַמעס געשיכטע:

ביז ווייטיק איך שטרענג מיין געדעכעניש אָן.
מיין אייגענעם קערפּער וואָלט איך אויסגעטאָן
און דיך צו באַלעבן מיט לייב אָנגעטאָן אים! (ז׳ 61).

און:

מיין מאַמע שלעפּט זיך ביידערנאַכט אין רעגן.
דער ווינט שיט נאָדלען אין איר האַלדז און נאַקן.
לאַמטערנעס שאָקלען זיך איר בלינד אַנטקעגן.
די טראָפּנס ווערן אייז אויף אירע באַקן. (ז׳ 12).

די פאָרשטעלונג איז שטאַרקער פון דערווירקלעכקייט. דער דיכטער זעט, ווי זיין מאַמע שלעפּט זיך אַהיים פון מאַרק אין אַ שפּעט־האַרבסטיקן רעגן, מיט אַ קאָש אין די הענט. די דעריִנערונג האָט אָנגעלאָדן זיין ליד מיט צער און ציטער.

אַ מאַמע שטייט איינדרויסן אויפן רעגן...
דער טויער פּראַלט אויף פּלוצלונג און אַ וואָגן
אַ פליוכע אין דער פינצטערניש טוט האַסטיק.
דאָן נעמט די מאַמע פאַר דעם שטורעם קלאָגן: (דאָרט).

אַזאַ קלאָגן פון אַ מאַמע שטייגט צום הימל; און גאָט, דער בעל־רחמים, האָט אָוודאי מיטגעוויינט מיט דער מאַמען אויף איר צרהדיקער מערכה. מיט־געוויינט מיט אַ רעגן.

די מאַמע ביי דער וואַנט אינדרויסן האָט געהערט,
די וואַסער־רינע האָט פון דאַך אַראָפּגעטרערט,
אין רינע האָט געפייניקט זיך אַ קליפּה,
וואָס האָט דער מאַמעס ווייטיק אויסגעכליפּעט. (ז׳ 20).

דער דיכטער האָט זיין האַרץ אָנגעגליט, זיין אויער אָנגעשפּיצט און אויג אָנגעצילט; און ער פילט, הערט און זעט, ווי דער הימל נעמט זיך שפּאַלטן. האָט דעם דיכטערס נשמה זיך מיטגעשפּאָלטן און זיך פּאַנאַנדערגעעפנט פון דער דערשיטערונג. און די מאַמע שטייט פאַר אים אַ לויטערע, אַ געהייליקטע. און ער, גראַדע, כליפּעט אויס דער מאַמעס ווייטיק. אָן אַ זיידן־דינעם נשמה־נעץ קען מען נישט אויפכאַפּן אַזאַ איידעלן געפיל, און אַרויסהערן אים, ווי פון דיכטערס אייגענעם האַרצן בלוטיקט אַרויס דאָס קלאָגן פון זיין מאַמען.

באַהאַלט זיך נישט, אָקאָרשט, חיים גראַדע אונטערן שאָטן פון זיין מאַמען? און ער לאָזט זי פאַר אים אַרויסיסורימען זיין טיפן ווייטיק? און ניט די מאַמע האָט געהערט ווי די וואַסער־רינע האָט געטרערט, דאָס פאַלן זיינע טרערן אין דער טיפעניש פון זיין לעבן. און אין זיין אייגענעם געוויין הערט ער דער מאַמעס קול.

נאָך בולטער און טראַגישער אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דער דיכטער אין זיין ליד „דער מקובל״:

ווי אין אַ יאַטקע־קלאָץ אַ שאַרפע האַק,
האָט איינגעהאַקט אין מיר די לבנה.
איר שיין רינט אָפּ געזאַלצן פון מיין באַק. (ז׳ 30).

די לבנה קוקט אַראָפּ גלייכגילטיק און טאַמעוואַטע, ווי מיט איר געהערט זיך גאָר נישט אָן דער ידישער שיקזאַל. אין אַזוינע נעכט וויל דער דיכטער די אויגן זיך פאַרבלענדן און אויסשרייען פּונקט דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס גאָט האָט אויסגעשריגן, ווען ער האָט באַשאַפן די וועלט.

פון גראַדעס ליד רייסט זיך אַן איינגעהאַלטענע קללה: זאָל זיין פינצטער! און אַ סוף צו אַזאַ וועלט!

האָט אויף מיין האַלדז דאָס לעבן ווי אַ שטריק
צוריקגעשלעפּט פון די טיפע לעכער...
ביז איך אַוועק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ,
אַהין וווּ ס׳דערגרייכנט ניט מער דער טאָג דער העלער. (דאָרט).

און :

איך זע דיך, מאַמע, שטיקן זיך אין רויך פון עשאַלאָנען.
ביי טאָג גייסטו מיר נאָך פאַרהונגערט און פאַרוואָגלט,
ביינאַכט הער איך ווי מיינע ליפּן דיך פון שלאָף דערמאָנען. (ז׳ 44).

די מאַמע, מיט אַלע אירע ליידן, שוועבט אין חיים גראַדעס זכרון אַ לעבעדיקע. לעבן און טויט זענען פאַרצווייגט. די דערמאָנונג לעשט אויס די זון פאַר זיינע אויגן. און זיין געמיט ווערט נאַכטיק שווער...

אין ליד איז חיים גראַדע אַ טאָפּל־געשטאַלטיקער, ער נעמט איבער דער מאַמעס ראָלע. ער פאַרוואַנדלט זיך אין זיין מאַמעס געשטאַלט, ווערט ער די מאַמע, און זי — אַ קינד. און ער פאַרשפּילט זיך מיט איר.

קום, מאַמע, ווי אַ קינד אויף מיינע הענט
איך וועל דיך איינשטילן... (ז׳ 11).
זי איז קליין, זי איז דאַר
און גרייכט קוים צו מיין אַקסל. (ז׳ 48).

ער זעט זי אַ געלייטערטע, אַ דערהויבענע. ער האָט זי אויסגעטראָגן און אויסגעכאָוועט אין זיין האַרצן, טויט עס אים גוט. עס איז אַ סך לייכטער צו טראָגן אַ לעבעדיקע מאַמע אין זיך, ווי אַ טויטע.

מאַמעלע, טייבעלע גרויע,
מיט אויגן פול שרעק און הכנעה
דיך ווי אַן עופעלע וויג איך. (דאָרט).

ער פרייט זיך ווי אַ קינד פון אַן אומדערוואַרטענער מתנה.

איך ווישׁ אויס אירע טרערן.
און איר האַנט ווישט אַראָפּ
קאַלטן שווייס פון שטערן. (דאָרט).

אַ פריידיקער גליוווער נעמט אַרום זיין גאַנץ וועזן. באַלד פאַרלאָזט ער די מאַמע־ראָלע און געשטאַלטיקט זיך איבער צוריק אין חיים גראַדען. ער

האָט זיך מיט דער לעבעדיקער מאַמען ניט געוואָלט שיידן. ער שרעקט זיך עפּענען די אויגן און אָנקוקן די גרויעווירקלעכקייט, אָבער ער איז געצווונגען עס צו טאָן, ווייל ער הערט, ממש, אירע ווערטער.

מיין זון, זאָלסט אַלץ איבערטראָגן . . . (דאָרט).

די מאַמע איז שטענדיק באַזאָרגט וועגן איר זון. זי היט אים, זי גייט אים נאָך אויף יעדן טריט און שריט.

קלאַמער, מיין קינד, אין מיין שאָטן זיך מער,
פאַרגעס וויפל איך האָב געליטן ביים שטאַרבן.
און אויב מיט מיין אָנדענק איז לעבן דיר שווער,
פאַרגעס אויך מיין פּנים, די אויגן, די קאַרבן. (ז׳ 62).

מאַמע און זון ראַנגלען זיך אויף לעבן און טויט. דעם זון איז שווער צו לעבן מיטן שאָטן פון דער מאַמע, אין דער שטענדיקער קאָמוניקאַציע מיט דער מאַמען, וואָס איז אויף יענער וועלט. גיט ער איר עס גלייך צו וויסן, אַז אַזוי לעבן קען ער נישט. און ער מוז זיך פון איר אָפּבינדן. זי איז דאָך אָבער אַ מאַמע, פאַרשטייט זי אים און פאַרגיט. און מערקווירדיק, זי האָט באַלד חרטה, און פאָדערט שטרענג פון איר זון, זי ניט צו פאַרגעסן.

נאָר ווינען וועל איך אין מיין קבר פאַרשעמט,
אין שטויב מיין געביין וועט קיין רו ניט געפינען,
אויב איך אין דיין האַרץ וועל איך ווערן דיר פרעמד,
און ס׳וועט מיין צוואה אַרויס פון דיין זינען. (דאָרט).

דער דיאַלאָג גייט אָן צווישן מוטער און זון. זי לאָזט אים נישט אָפּ און צווינגט אים האַלטן זיין נדר: די מאַמע נישט צו פאַרגעסן. אָבער דאָ באַטראַכט ער שוין דעם ענין געדאַנקלעך, ער וויל, זי זאָל שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער מוז סוף־כל־סוף זי פאַרגעסן. זי גיט נאָך, אויב דאָס וועט גליקלעכער מאַכן איר זונס לעבן.

איך וואָלט אין דער פינצטער שוין רויק געלעגן,
ווען איך וואָלט געהערט דיין געוויין ווי אַ רעגן,
וואָלט איך כאָטש געוווּסט אַז דו לייטערסט זיך אויס.
עס האָבן די טרערן אין דיר אויסגעטריקנט,
אַ קללה דיין האַרץ האָט פאַרשפּאַרט ווי אַ שטיין,
און איך בלויז, דיין מאַמע, דערהער דיין געוויין. (ז׳ 65).

דער גורל פון דיכטערס מאַמע, און גזר פון זיין פאָלק, האָט זיין האַרץ פאַרשטיינערט און קיין טרערן זענען אים שוין נישט געבליבן. נישט קענען וויינען איז אַ סך שווערער ווי קענען וויינען. טראָגט דער דיכטער אין זיך דעם גרויסן חורבן פון זיין פאָלק און נאָענטסטע.

ערגעץ גליט ביי אים אין דער טיפעניש אַ געפיל פון שולד: פאַרוואָס איז ער געבליבן און אַנטלאָפן פון היטלערס רוצחים? און ער שטראָפט, באַשטראָפט זיך אַליין. אָבער די מאַמע איז שטענדיק זיין באַשיצערין.

דעריבער באַוויין איך אַזוי דיין ירידה.
זי איז פון אַרומיקן חורבן אַ צייכן.
און בלויז מיינע אָרעמס די אָפּגעשוואַכטע־מידע,
זיי האַלטן דיך אונטער אַ ברעג צו דערגרייכן. (ז' 67).

און דער דיכטער איז זיך נאָך אַלץ נישט מוחל, פאַרוואָס ער האָט געראַטעוועט זיין לעבן, ווען אַ דריטל פון יידישן פאָלק איז אומגעקומען, און ער וויל אַ משפּט (געריכט) דורכפירן איבער זיך, קומט די מאַמע און ראַטעוועט אים פון אַלע געפאַרן און לאָזט צו אים נישט צו קיין פאַרצווייפלונג. און זי לייגט אַריין דעם זון אין מויל דערמוטיקונג־ווערטער.

איך שטאַרק זיך, מיין זון, אויפן טויט און מיט כוח
איך גראָב זיך־אַרויס דיר צו ווייזן דעם וועג (ז' 70).

די מאַמע ווייסט בעסער, אַז איר זון איז געבליבן טריי צו זיין פאָלק און דער מאַמען און ווייב.

אויב ס׳וואָלט די חרטה דיין האַרץ ניט צעריסן,
פאַרגראָבן אין אָפּגרונט וואָלט איך זיך פאַר שאַנד.
דיין צער אָבער לאָזט ניט מיין גרוב זיך פאַרשליסן,
און איך שטרעק דיר אויס ווי אַ בלינדן מיין האַנט. (ז' 71).

אין די וויטערדיקע לידער איז דער געראַנגל מיט דער מאַמען נאָך פיל שטאַרקער. און עס גייט־אָן אַ כסדרדיקער סיכסוך צווישן האַרץ און קאָפּ. און ווען דער דיכטער נעמט זיך וואַקלען, דאַן קומט אים אַנטקעגן די מאַמע, כדי אים צו פאַרהיטן פון פאַלן אין אָפּגרונט פון יאוש.

פון אַלע פיר זייטן איך קום אין איין רגע,
אַז פאַלן זאָלסטו אויף די הענט פון דיין מאַמע (ז' 72).

און אַז די מאַמע דערפילט זיך צו שוואַך צו באַשיצן איר זון, נעמט זי מיט זיך מיט אַ גאַנצע וואָך.

מיין זון, לאָז זיך פירן פון מיר אויף דעם שליאַך,
ווו מיר פאַרמשפּטע זענען געגאַנגען,
און מיר וועלן גיין אַרום דיר ווי אַ וואַך,
אַז דיר זאָל דער גורל דערזעלבער ניט פאַנגען...
פאַרמיש זיך מיט אונדז, מען זאָל דיך ניט דערקענען, (ז' 74).

אָט אַזוי האָט זיין לעבן געשוועבט צווישן טויטע שאָטנס.

גראַדעס מאַמע, און אונדזערע אַלע מאַמעס, פון די אמהות אָן, זענען געקומען אים אַנטקעגן און מיט זייערע שאָטנס האָבן זיי אים פאַרהוילן פון שונאס אויגן און פאַרהיט פון טויט. איז ער טאַקע דאָ צווישן אונדז; מיר דאַרפן אים האָבן. זאָל ער לאַנג לעבן און שאַפן, און אַזוי העלפן אונדז אויספירן די צוואה פון אונדזערע אומגעקומענע מאַמעס.

דאָס מאָלערישע וואָרט

(א. טאַבאַטשניקס בוך לידער „דיכטער און דיכטונג״, אַרויסגעגעבן פון דוד איגנאַטאָוו־ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק 1949).

„אַ זשעניע פון שווינדלענדיקע הויכן פון געדאַנק,
קום איך אַראָפּ פאַר אירע פיס צו קניען,
עס שלאָגט דאָס האַרץ, די אויגן גליען,
ווי אין אַ גוטן חלום, זע איך איר אויפגעהעלט געזיכט״.

א פאָעטישער אָנהויך. אַ ליריש־אויפפלאַקערישע באַגייסטערונג פאַר אַן אידייע, וואָס ברענגט גליק דער מענטשהייט. איז עס גוט דערמיט, וואָס דער דיכטער א. טאַבאַטשניק זינגט אַריין אין מאַרקסן, דעם מאַטעריאַליסט, אַ צו־שפּיל פון געזאַנג. עס מאַכט מאַרקסן עמאָציאָנעלער.

„זי איז דאָס ליכט, וואָס גייט מיר אויף אין נעפּל:
אין נעכט פאַרוואָלקנטע — אַ האָרן פון לבנה,
און ווען עס יאָגט פאַרצווייפלונג אָן די טעג —
איז זי די מונטערונג, די זון אויפן וועג״. (דאָרט).

יאָ, אין די פיר שורות איז דאָ אַ סך גלויבן אין סאָציאַלן יושר. און דער פּאָעט אידענטיפיצירט זיך מיט דער גרויסער פּערזענלעכקייט, דעם פּאָטער פון דעם „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם״.

איז נישט אומזיסט דער קרעדיט, וואָס מען גיט אַ דיכטער, וואָס קען אין קורצע שורות איבערגעבן די אידייאישע קאָנסטרוקציע פון דענקער און אָנ־קליידן זי אין אַ פּאָעטישן לבוש.

טאַבאַטשניק טוט דאָס אייגענע מיט מאָריס ראָזענפעלד, אַברהם רייזין, זישאָ לאַנדוי, יוסף ראָלניק און אַנדערע.

דאָס זענען פּערל־לידער, אָבער אַנגעשנירלטע אויף געדאַנקען, כאָטש זיי פּאָלגן יאָ אַ דיכטערישן אוזאַר, ווי זיי וואָלטן געווען געמאָלן פון אַ מאָלער מיט אַ פּענדזל דורך שטריכן און ליניעס, אין שוואַרץ און ווייס.

אָבער פאַר דעם צוועק אַליין פאָדערט זיך נישט קיין נשמה־עפּענונג, קיין טיפע איבערלעבונג.

זענען אַזויגע לידער מיר יאָ צום האַרצן און נישט צום האַרצן. דער פּאָעט אַנטפּלעקט זיך נישט אין זיין פולער געשטאַלט.

עס ווייזט אויס, אַז ווען דער דיכטער וויל געשטאַלטיקן אַ צווייטן קינסט־לער, פאַכירט גאַנץ אָפּט, אַז ער אַליין ווערט דערביי געמינערט; ער פאַרלירט אַ סך שטריכן פון זיין אייגענעם דיכטערישן געזיכט.

גאַר אַנדערש דערלאַנגט זיך, ווען דער דיכטער באַווייזט זיך אַליין, דאַן זעט מען טאַבאַטשניקן אין פאַרשיידענע עכטע אַנטפּלעקונגען. און זיינע לידער זענען איבערגעלעבטע און דורכגעפילטע.

„טיפער ווינטער שטייט ביי מיין צוקאָפּנס,
וויסער שניי פאַרשיט מיך ווי אַ בוים,
אָט מיט וואָס עס לאָזט זיך אויס דאָס האָפן,
אָט אַזוי פאַרענדיקט זיך דער טרוים:״ (ז׳ 41).

אָט איז אַ ליד מיט אַ בין־השמשותדיקער אַנווייאונג, וועלכע וואַרפט אַריין דעם פּאָעט אין יאוש. און דעם דיכטערס דערפאַרונג ווערט פאַראַלגעמיינט, און די איבערלעבונג איז אַלעמענס.

אַזויגע לידער האָבן אַ שטאַרקן עפעקט גלייך אויפן אָרט, פאַרפיינערן דעם געהער, איידלען די געפילן אַפילו פון מענטשן מיט פאַרגרעבטע חושים.

„וויפל יאָרן זענען שוין פאַרפלויגן,
וויפל קברים אויפגעשטעלט דאָ הי?
נאָר דאָס דאָרף, וואָס האָט מיך אויפגעצויגן
שטראַלט אַצינד מיט ערשטן אין־דער־פרי״. (דאָרט).

דער פּאָעט ראַטעוועט זיך מיט דער בענקשאַפט נאָך דעם אַמאָל, אַ בענקשאַפט, וואָס ווערט נישט פאַרוועלקט, נאָר פאַרקערט, עס גיט גענוג כּוח דעם פּאָעט צו וואַרפן אַ יוגנטלעכן בליק אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריין.

אין אַ קורץ ליד באַווייננט דער פּאָעט זיין אייגן לעבן; און ער שרייט ממש אויס:

„קומט אַרויס און זעט: דער זומער איז טויט,
און זעט מיין חרוב־געוואָרן לעבן:
די עפּל אויף די ביימער זענען גאָלדיק־רויט
און פאַלן ווי געלעכטער דערנעבן״.

עכט ליריש. דער געמיט איז אַ געבראָכענער, די האָפענונג האָט אַוועקגעפויזעט אויף אַלע פיר. עס דערטראָגט זיך צום פּאָעט פון זיין האַרצן אַרויס צו זיינע אויערן אַ רויט געלעכטער. די אַנטוישונג איז אַזוי שטאַרק, אַז דער פּאָעט הייבט זיך אָן שרעקן פאַר זיין אייגענעם לעבן...

„און איך בין אין טרויער און איך בין ווייט
פון גאָלד און פון צייטיקע עפּל:
עס בלאָנדזשעט אַ מאַן, דער קאָפּ אויף אַ זייט,
דורך קראַנקן, פאַרחלומטן נעפּל״. (ז׳ 43).

עס איז אַ מאָלעריש בילד. זיין שטימונג פאַרקנאַסט מיט דער אַרומיקער נאַטור אין גלויבן און גנאָד און פאַרצווייפלונג...

און ווייל ער איז אַ שטימונגס־דיכטער, איז ער אין זיינע לידער עפּעס ווי וואָלקנס, וואָס טראָגן זיך כּמאַרעדיק איבערן הימל. אָבער פּלוצלינג רייסט זיך אַדורך דורך זיי אַ זוניקער שטראַל און סע ווערט ליכטיק.

אַזוי אויך טאַבאַטשניק. אָט איז ער פול מיט רעזיגנאַציע און אָט לייטערט ער זיך אויס און ווערט פול מיט האָפענונג.

... עס וועט זיין אַמאָל אין דער פרי
וועל איך אויפשטיין און זען — דער הימל איז בלוי,

און די זון איז צעשויבערט אין גאָלדענעם גלי,
און דאָס גלאָז פון מיין שויב איז פייכט פון טוי... (ז׳ 71).

זעען מיר דאָ טאַבאַטשניקן מיט אַלע זיינע נשמה־געמעלעכצן אין פּאַר־שיידענע ניואַנסן. זיין געמיט איז האַרבסטיק ווי די געלבלעכע בלעטער, וואָס ציטערן אָט אין פאַרנאַכטיקן פלאַטער פון זונפאַרגאַנג און אָט אין העלער שיין פון נאָכמיטאָג, אָבער זיי וואַרפן די גאַנצע צייט אַ נעצנגעשטריקטן שאָטן און שפּילן זיך מיט ליכט...

(סעפּטעמבער־אָקטאָבער, 1949)

מלכה לי

(מלכה לי, געזאַנגען. קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס־פאַרלאַג פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. (1940)

— א —

איך האָב געלייטערט דיך, ליד,
איך האָב געהייליקט דיך, ליד,
אין צער און אין פרייד דיך געטראָגן. (ז׳3).

מיט אָט־דעם ליד עפנט זיך מלכה ליס בוך „געזאַנגען".

דאָס זענען תפילהדיקע שורות. ווי אונדזערע מאַמעס פון לאַנגע דורות האָבן צום רבונו־של־עולם גערעדט.

הגם מלכה לי איז נישט קיין אָפּהיטערן פון פרומע געבאָטן, אָבער אַ טיף גלויביקע איז זי און עס גליט אין אירע לידער אַ באַהאַלטענער רעליגיעזער פונק. אוז אין תוך איז זי אַ פרומע נשמה. און אין מאָמענטן פון פּאָעטישער שיכרות זינגט זי עס פריי אַרויס. האַלט איך עס פאַר אַ גרויסער מעלה אין מלכה ליס לידער.

דו קומסט אויף דער וועלט,
שריי אויס מיין געשריי, וויין אויס מיין געוויין.
זאָלסט קיין פאַרזעעניש ניט ווערן,
ביסט געביין פון מיין געביין,
ווער דערהערט אין מיין פּיין,
אין פינצטערניש ליכט זאָלסט געבערן!

די דיכטערן טראָגט אויס איר ליד ווי אַ מאַמע אַ לעבעדיק נפש. זי בעט, עס זאָל קיין פּאַרזעעניש נישט געבוירן ווערן. מיר געפינען אין אַ סך פון אירע לידער אָט־דעם מאָטיוו. אָבער צום שאָדן פון איר ליד קערט זי זיך אָפּ פון אָט־די שטימונגען און כאַפּט אויף סאָציאַלע מאָטיוון, פאַר וועלכע עס פאָדערט זיך נישט קיין האַרץ־עפענונג, נאָר קאָפּ און שכל. און קאָפּ האָט אַ טבע צו זיין אַ באַשטעלער און מלכה לי איז אין תוך אַן עמאָציאָנעלע דיכטערן. טוט דאָס באַשטעלערישע ליד איר מער רעה ווי טובה.

אָט האָט איר אַ ליד פון גאָר אַן אַנדער זשאַנער, אָבער פרום געשריבן:

ס׳איז ניט גלאָק, וואָס קלינגט געוואַלט
אין פייער און געוויטער — —
ס׳איז איך — אַ מענטש, וואָס לויפט דורך וואַלד
אין פיבערדיקן ציטער... (ז׳ 5).

זי ווערט איינס מיט דער נאַטור; זי איז די אָפּשפּיגלונג פון איר. איר האַרץ איז טיף ווי דער וואַלד. און פון דער טיפער טיפעניש קומט אַרויס דער קלאַנג פון פייער־געוויטער. — דאָס איז דער מענטש, די דיכטערן אַליין.

ס׳איז ניט דער וואַלד, וואָס פלאַקערט העל
און ווערט אין פלאַם פאַרשניטן —
ס׳איז האַרבסט, וואָס בייט זיין פעל
און טוט אים אויס פון בליטן... (ז׳ 5).

ביי מלכה לי איז דער וואַלד דער באַשעפער. די ביימער, דאָס גראָז לעבט און לאַקט. און דער ציטער, וואָס גייט דורך אין דער נאַטור, גייט אויך דורך אין דעם מענטשן.

ס׳איז ניט פויגל אין זיין פלי,
נאָר די ווייט פון פויגלס פליען.
ס׳איז איך, וואָס ציט זיך צי, זיך צי —
מיט הענט צום פויגלס פליען... (דאָרט).

ביי דער דיכטערן איז ניט דער עיקר דאָס פליען, נאָר די יאָגעניש פון דער נשמה צו דעם אומדערגרייכבאַרן.

— ב —

מלכה ליס צווייטער בוך לידער „דורך לויטערע קוואַלן" — „איקוף"־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1950.

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ ליד „יידיש וואָרט".

„יידיש וואָרט: געזאַנג פון מיין לעבן,
דו האָסט מיך אין חושך געטרייסט,
דיין ליכט אויף פינצטערע וועגן
האָסט מיך פון צער אויסגעלייזט".

די דיכטערין זינגט אַ הימנע צום לשון יידיש, וואָס האָט זיך איינגעמאַרכט אין איר געביין. די מאַמע, וועלכע האָט אַוודאי אָפגעהיט אַלע יידישע טראַדי־ציעס, האָט געשאַפן די געהעריקע סביבה פאַר איר טאָכטער, מלכה, די צו־קונפטיקע דיכטערין. אויב נישט די מאַמע, ווי אַזוי וואָלט עס געבליבן אין איר געדעכעניש?

שפּראַך אַליין האָט אַ טבע זיך צו פאַרגעסן און ווערט אַ פאַרגאַנגענהייט. אָבער סביבה? דאָס לאָזט איבער שפּורן, וואָרצלען, וועלכע צעבליען זיך שפּע־טער און גיבן אַרויס פּלאַנצן. און דאָס האָבן מיר אין מלכה ליס.

„איך בין מיט פעלד און וואַלד פאַרשפּינט —
איך בין אַ קאַראַפּאַטן־קינד". (ז' 56).

לייענענדיק אירע לידער, וואָלט איך געזאָגט, אַז זי איז אַ קינד פון דער נאַטור. דער פערז איז לייכט און בילדלעך, די פאַנטאַזיע לעבעדיק, שפּילעוודיק, עלאַסטיש און קאַלירפול, ווי די נאַטור אַליין.

„איך קום ניט אַרויס פון קיין זינגער,
ס'האָט געזונגען מיין בלוט ביז שפּיץ־פינגער". (ז' 57).

דאָס ליד באַשטעטיקט נאָך מער דאָס אויבן געזאָגטע. צו די בלעטער, צום גראָז רעדט זי אַרויס אירע שענסטע געפילן און חלומט אויס אירע דערהויבנ־סטע חלומות. און אפשר האָט זי זיך אויסגעהאָדעוועט ערגעץ אַרום וועלדער און פעלדער? אַנישט ווי וואָלט זי אַזוי געקאָנט מאָלן די נאַטור?

„רויטע חופּות אויף די וועגן,
טאַנצן סאָסנעס זייער אַנטקעגן.

אַ רעגנבויגן הענגט אינמיטן,
ווי אַ חלף איינגעשניטן". (ז' 137).

אַ וווּנדערלעך בילד אין רייכע פאַרבן. דאָס ליד בעט זיך, מען זאָל שרייבן מוזיק צו אים. קינדער וואָלטן פאַרכישופט געוואָרן פון דעם קלאַנג און ריטם.

„האַיד־פּאַרק ביים קבר פון פּרעזידענט פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט" (ז' 51); „דער טאָג פון שלום" (ז' 67) — דאָס זענען לידער אויף געזעלשאַפטלעכע טעמעס, פאַר וועלכע עס פאָדערט זיך נישט קיין פּאָעטישער אָנהויך און נישט קיין פליגל־אויפפלאַטער. איר ליד איז אַ סך פולער און לעבעדיקער, ווען איר האַרץ און אויג גיט איר אויף דאָס ליד. זי איז נישט די דיכטערן פון געמוט־טער פּאָעזיע; זי איז די דיכטערן פון געפיל. טוט זי זיך אָן אַ שיעור היזק מיט דעם סאָציאַל־סקאַרבאָוון סוזשעט.

„געבליבן איז לעבן דער שליסל,
ער זוכט אַ מענטשלעך געוויסן". (ז' 18).

דאָס איז אַ פּרווידיאַניש ליד. אַ שליסל איז געבליבן פון היטלערס גזר און פון די דייטשישע מערדער, אַ שליסל! בלאָנדזשעט ער אויף וועגן פאַר־וויסטע און זוכט אַ מקום־מנוחה, און בלייבט ליגן ביי אַ פאַרברענטער טיר. גאָטס באַשאַף וויל נישט פאַרלאָרן גיין. וויפל שטומע חפצים וואַלגערן זיך אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשישער ערד? ווען זיי קענען ריידן, וואָלטן זיי אונדז איבערדערציילט דעם גרויל פון ייִדישן פאָלק. די דיכטערן פאַרלעבעדיקט זיי. אויך אַ שליסל טיילט דעם שיקזאַל פון נע־ונד־פאָלק. די דיכטערן האָט זיך איבערגעטראָגן אַהין און האָט דאָרט אַ בלעטער־געטאָן די ייִדישע געשיכטע.

„זי קומט צום ראַנד פון לבנה
מיט אויפגעהויבענע הענט.
פון וועלט די לעצטע אַלמנה,
צען פינגער ווי ליכט צעברענט.

זי ציילט, און קאָן ניט אָפּציילן,
מיליאָנען גופים אין גרויל.
זי קאָן ניט די קדושים צעטיילן,
זי שטומט מיט פאַרשלאָסענעם מויל".

מלכה לי האָט דורכגעהאַרצט דעם ייִדישן חורבן. און זי גיט־אויף אַ מי־

סיע דער לעצטער אַלמנה: זי זאָל ברענגען דאָס בילד פון אונדזער אומקום צום רבוני־של־עולם.

אין דער לעצטער אַלמנה האָט די דיכטערן מקיים געווען איר דיכטערישע שליחות. ווען דער רבונו־של־עולם וועט לייענען אָט־די שורות וועט ער זיך אַ קער טאָן מיט זיין פנים צו אונדז — און אַ געשריי טאָן „שפוך חמתך על הגויים״...

אַלט־נייער לירישער מאָטיוו פון אַ יידישער דיכטערן

איידע מאַזע: אַ בוך לידער (אַרויסגעגעבן פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, מאָנטרעאַל), 96 ז״ז.

איידע מאַזע: בייע־לידער (אַרויסגעגעבן פון לייען־קרייז ביי דער יידישער פאָלקסביבליאָטעק, מאָנטרעאַל, קאַנאַדע), 160 ז״ז.

רחל וויינט אויף אירע קינדער,
זי וויל זיך ניט טרייסטן נאָך אירע קינדער,
וואָס זיי זענען מער ניטאָ. (ירמיה ל״א, י״ד)

אין איידע מאַזעס לידער קען מען נישט אָפּטיילן מאַזע דעם מענטשן פון מאַזע דער דיכטערן. אַ פּראָזע־שרייבער קען זיך באַהאַלטן אונטער זיין אייגענעם שאָטן. ווייל אין זיין שרייבן האָט ער מער צו טאָן מיט זיין שכל ווי מיט זיין האַרץ. ביי אַ פּראָזע־שרייבער איז דער הויפּט־עיקר די קלוגשאַפט פון זיין אויג. דערזען דעם מענטשן, די זאַך און שכלדיק באַאַרבעטן.

אַ פּאָעט קען עס ניט. ער איז צו עמאָציאָנעל. אמת, עס זענען דאָ פּאָעטן, וואָס שרייבן דאָך יאָ שכלדיקע לידער, איז עס טאַקע אויסגעחכמעטע לידער און עס לאָזט זיך באַלד פילן, אַז דאָס מויל רעדט בעת דאָס האַרץ איז פּאַרגליווערט. בלייבט דאָס ליד נישט נאָר פרעמד צום לייענער, נאָר אויך צום פּאָעט.

אויף איידע מאַזע קען מען עס נישט זאָגן. זי שרייבט נישט צוליב שרייבן אַ ליד. פריער דערפילט זי דעם טעם פון פרייד און ווי און ערשט נאָכדעם שרייבט זי איר ליד.

ער האָט ליבשאַפט פּאַרזייט ביי די מאַמעס אין הערצער,
און מיט געניטקייט געבענטשט האָט ער זייערע הענט;
מיט וואָס וועט ער טרייסטן די מאַמעס פון יידיקע וויגן,
וואָס וועט ער זאָגן צו מאַמעס מיט ליידיקע הענט? (אַ מאַמע, ז׳ 8).

זעט ווי צאַרט און חכנעהדיק זי רעדט! זי באַקלאָגט זיך נישט אויף גאָט, זי בעט קיין ענטפער נישט ביי אים, ווייל וואָס קען גאָט ענטפערן איר און די אַנדערע מאַמעס, וואָס ער האָט באַליידיקט, צעבראָכן זייערע הערצער?

און אַז קיין ענטפער דערוואַרט זי נישט און קיין טרייסט אויך נישט, פּרובירט זי געפינען טרייסט, זי וויל טרייסטן זיך און אויך די מאַמעס פון דער וועלט, זי בלייבט אָבער בלויז ביים וועלן.

איך ברענג רו פון בית־עולם
צו אייך, מאַמעס פון דער וועלט.

איך בין געזעסן און געוואַרט דאָרט,
און געהאָרכט דורך היץ און קעלט.

געהאָרכט, געהאָרכט מיט פאַרשפּיצטן אויער
און האָב גאָרנישט ניט געהערט. (ד' 9)

האָט איידע מאַזע טאַקע גאָר נישט אַרויסגעהערט פון קינדס קבר? זי זאָגט דאָך ערגעץ אין אַ ליד, אַז איר קינד לעבט אין איר האַרצן.

האָט די דיכטערן פון איר קינדס קבר צו די מאַמעס פון דער וועלט געבראַכט אַ שטומען גרוס, איז וואָס איז דער אויפטו? בעסער וואָלט איר ליד זיך דערטראָגן צו די מאַמעס, ווען איידע מאַזע וואָלט יאָ עפּעס אַרויסגעהערט פון איר קינדס קבר. וואָלט זי דאָך געבראַכט אַ טרייסט צו די מאַמעס פון דער וועלט און דאָס ליד וואָלט געווונען און זי אַליין וואָלט געטרייסט געוואָרן.

אַ מאַמען קאָן זיך דאָך אָפּדוכטן, אַז זי הערט איר קינדס אָטעם. אויב נישט, וואָלט זי נאָכאַמאָל צו איר קינדס קבר נישט געגאַנגען. פאַרוואָס האָט זי מורא אויסצוזאָגן, אַז דער מאַמעס האַרץ האָט יאָ געפילט דעם אָטעם פון איר קינד?

עס פירט מיין וועג, דאָך, קינד מיינס, תמיד נאָר צו דיר.
אין שטילער רו פון שאָטנס,
זיי צערן אויס דאָס ליכט פון מיינע טעג. (ד' 11)

אין די אַלע לידער „אַ מאַמע“ זעט מען די דיכטערן גיין אויף דעם וועג, וואָס פירט צום קבר פון איר קינד. אַפילו ווען זי גייט נישט, גייט זי אויך. ווי רחל פון בית־לחם, וואָס וויינט אויף אירע קינדער און וויל זיך נישט טרייסטן, גייט איידע מאַזע אויף דעם וועג, וואָס פירט צום קבר פון איר קינד, אַן איינגעהילטע אין איר טרויער, און עפּעס וויל זי פאַרט קיין טרייסט נישט געפינען, סיידן אין זוכן און נישט־געטרייסט זיין.

אַלע לידער אײדע מאַזעס זענען װי זאַנגען מיט קערנער איבערפילטע מיט צער. זי קאַרגט רייד, ווייל די איבערלעבונג איז צו שטאַרק. מען קאָן עס נישט איבערגעבן דורך ווערטער.

יעדע נאַכט קומסטו מיר צו חלום.
וועבן זיך מיינע אַלע טעג אין נאַכטיקן שלייער.
לעב איך אין חלומות פון דיין שאָטן.
יעדע נאַכט ווערסטו בלאַסער, דינער. (ז„ 11)

די דיכטערן האָט דאָ פאַרשאָטנט די זעאונג. אַ פיין בילד, זי האָט עס געדאַרפט פאַרלעבעדיקן. קינסטלער קענען טויטע זאַכן לעבעדיק מאַכן. קיין זאַך שטאַרבט נישט, עפּעס בלייבט לעבן. האָט די דיכטערן עס נישט באַדאַרפט פאַרצערן עס זאָל בלייבן בלויז אַ שאָטן. זי האָט דאָך מיט דעם ליד זיך שווע־רער געמאַכט, טראַגנדיק אין האַרצן אַ שאָטן. אײדע מאַזע איז רייך אין פאַנ־טאַזיע, זי האָט געקאָנט אָנקליידן דעם שאָטן פון איר קינד אין פלייש און בלוט. דאָס וואָלט איר אַ סך לייכטער געמאַכט טראָגן איר גרויסן צער. אָבער זי וויל עס נישט. זי וויל שווערער מאַכן זיך די לאַסט פון צער.

האָט אײדע מאַזע אין איר בוך לידער „אַ מאַמע“, זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן, אין שטילע פּשוטע רייד. און אין אָט דער פּשוטקייט איז דאָ אַן אײגנ־אַרטיקייט. און די אייגנאַרטיקייט באַשטייט אין דעם, וואָס ווען זי רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן רעדט זי זיך, באמת, אַרויף צום האַרצן...

טרויעריקע לידער מיט אַזאַ באַזונדערן טעם און חן פון פיין!

טאָג און מאָרגן און דורך נאַכט,
איר אויג פאַרהאַנגען מיט אַ טרער.

מען זעט אויף פעלד זי אָפטער גיין.
ווען וועלט איז ווייס, ווען וועלט איז גרין,
מען זאָגט, אַז קינדער האָט זי דאָרט,
מען זאָגט: זי קריגט זיך דאָרט מיט גאָט. (ד' 45)

מען זאָגט אַז זי קריגט זיך מיט גאָט, אָבער מאַזע טוט עס נישט. זי האָט טענות צו גאָט, טענות, אָבער זי וואַגט נישט קריגן זיך, זי איז צופיל דיכ־טערן זיך אַרומצוקריגן מיט אים, וואָס אַלץ גיט ער און אַלץ נעמט ער צו.

האָבן מאַזעס לידער די מעלה, וואָס ווי פּשוט זיי זענען, גיבן זיי אונדז צו פילן ביידע טעמען, דעם זיסן און דעם ביטערן, פון איר אומעט און פאַר־צווייפלונג. פון איר טרייסט אין אומטרייסטבאַרקייט.

איידע מאַזעס בוך „נייע לידער“, זענען אירע אַלטע לידער. אַ המשך פון איר ערשטן בוך „אַ מאַמע“.

עס האָט מיך יענע גרוב באַשוואָרן:
ביז איך בין מיט אים איינס געוואָרן. (נייע לידער, ז' 156).

מען פילט אין די צוויי שורות, אַז די דיכטערן האָט די וועלט מיט יענער וועלט פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דעם בלוט פון איר האַרצן.

איך ווייס דעם ניגון פון מער ווי איין ליד
נאָר איצט בין איך מידער ווי מיד,
און וויל ווייט און וויל שטילקייט און רו;
קום, מאַך די אויגן מיר צו. (דאָרט)

אין דעם ליד פילט זיך אַ רעזיגנאַציע. זי איז מיד געוואָרן; אירע פיס ווילן זי מער נישט טראָגן אויף דעם וועג, וואָס זי האָט אויסגעטראָטן. און מער ווי אַ פייגעלע זינגען האָט זי נישט געהערט.

פרייד איז היינט צו מיין טיר געקומען,
פרייד איז היינט ביי מיין טיר געווען;
נאָר איך בין געזעסן מיט אומעט פאַרנומען,
און האָב פרייד ביי מיין טיר ניט געזען. (ז' 13).

אמתדיקע שורות. דער אומעט האָט צוגעמאַכט די טיר פון פרייד. מער ווי ביז דער טיר האָט זי נישט צוגעלאָזן די פרייד. נישט נאָר האָט די דיכטערן איר האַרץ פאַרשלאָסן, נאָר אויך די טיר. כאָטש איר נשמה בענקט נאָך אַ ביסעלע פרייד.

מיר איז איצט צום האַרצן זילבערנע האָר,
מיר איז איצט צום האַרצן ווערטער שטילע. (ז' 40).

עס ווייזט זיך איר אויס, אַז זי איז שוין אַזוי אַלט. כאָטש עס בענקט זיך איר נאָך אַ ווייכער האַנט, וואָס קען גלעטן, און שטילע רייד ריידן, וואָס זאָלן היילן איר צעבראָכן האַרץ.

זאָלן זיי קומען, אַ זאָלן זיי קומען,
די טעג פון היילונג און פון בענטשן;
בלינדער צאָרן האָט אַרומגענומען,
דאָס קראַנקע האַרץ פון קראַנקן מענטשן. (ז' 93)

נישט נאָר זוכט זי אַ היילונג פאַר זיך, נאָר זי זוכט און בעט פאַר קראַנקע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. אַזויפיל תפילהדיקס אין אירע רייד. ווען זי לײדט, זעט זי אויך אַנדערע לײדן. זי איז גרייט שטענדיק קומען מענטשן אַנט־קעגן מיט איר גוטסקייט און ליבע, סיי אין ליד סיי אין לעבן.

(„פרייע אַרבעטער שטימע", 21סטן נאָוו' 1947).

בערטאַ קלינגס לידער

„פון מיינע טעג", ניו־יאָרק, 1952, 96 ז"ז

ווען מיר לייענען בערטאַ קלינגס לידער, דאַכט זיך אונדז: אַזוינע פּשוטע רייד!

אָבער אַזוי פּשוט ריידן דאַרף מען קענען, און בערטאַ קען עס:

היט אָפּ דעם גלויבן
פון מיינעטוועגן,
שיק דעם שבת
מיר אַנטקעגן. (ז' 5)

אָט האָבן מיר פיר שורות פון אַ ליד. אַ פרומער געבעט צו גאָט, ער זאָל היטן אירע שווערע ערלעכע טעג. אַז מען בעט צום בורא עולם, איז מען שפּאָרזאַם אין רייד. ווען מען ציט תפילה־לידער אויף גאַנצע זייטן, פאַלט מען אַריין אין סתם ריידערייען.

בערטאַ איז אַ דיכטערין פון ווינציק ווערטער. אירע לידער זענען איינגע־טיילט כמעט אין פּסוקים.

יעדער פּסוק האָט זיין לויב און זיין געבעט צום רבונו־של־עולם.

גאָט,
ניט פאַרגעס
מיינע נעכטיקע טרערן,
זיי זאָלן אויף מיין חשבון
גערעכנט ווערן. (ז' 10)

וויפל פרומקייט איז דאָ אין די פיר שורות. אויב עס קומט שטראָף פאַר זינד, נעמט זי דעם גזר אויף זיך. די דיכטערין פאַרלויפט דעם וועג און פאַר־היט אירע אייגענע און נעמט אויף זיך די באַשטראָפונג; באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניקערהייט גייט זי און באַשיצט נישט נאָר גוטע ליבע פריינט, נאָר אויך אירע נאָענטסטע. זי באַגלייט זיי מיט תפילות און ברכות.

אַזעלכע געשטאַלטן האָבן אונדזערע מאַמעס אַרויסגעלייענט פון די תחינות.

עס זענען דאָ פּנימער,
אַזעלכע גוטע,
וואָס זענען ווי די זון
אין קאַלטע טעג. (ז' 13)

דאָס איז אַ בין־השמשותדיקע זעאונג און פון אָט דער זעאונג וויקלט זיך אַרויס פאַר דער דיכטערן אַ פּנים, ווי די זון פון אַ פאַרוואָלקנטן הימל אַרויס; און אַזעלכע פּנימער דערוואַרעמען זי, דערהייבן זי צו שעפערישקייט. ענלעכע דינע שפּירונגען געפינט קען אין אַ סך פון אירע לידער.

ווי ביי אַלע גלויביקע האָט אויך ביי איר זיך ערגעץ אַריינגעגנבעט אַ צווייפל אין דער אויבערשטער גערעכטיקייט, אפילו ווען זי קומט פון גאָט אַליין. זי נעמט אָן אַלץ, וואָס גאָט שיקט, אָבער אָנגעלייגט איז עס נישט ביי איר, נישט אַלעמאָל האָט זי עס גערן.

שיקסטו, גאָט,
אויפסניי אַראָפּ
פון מיינעטסוועגן
צער און פּיין

זאָלן דיינע שלוחים, גאָט,
מיינע נאָענטע פריינט
ניט זיין... (ז׳ 5)

ווי זאָגט דאָס פאָלק אַ ווערטל: היט מיך גאָט פון מיינע פריינט, פון מיינע שונאים וועל איך מיך אַליין היטן. און ווי באַלד דער צער און פּיין וועלן נישט זיין אירע פריינט, וועט זי זיך שוין אויסהיטן פון זיי. קאָן מען טאַקע זאָגן, אַז אין בערטאַס לידער הערן זיך תפילהדיקע פאָלקס־מאָטיוון.

אַז איך ווייס ניט דעם וועג
דיינע וועגן צו גיין,
טאָ לאָז מיין געצעלט
ביים ברעג אַזוי שטיין.
און אַלע, וואָס ווערן

פאַרמאַטערט פון גיין,
וועלן אַ שיין
אין מיין פענצטער דערזען.
שיק זיי אַריין... (ז׳ 19)

און אַז זיי קומען שוין אַריין געפינען זיי אַ געדעקטן טיש מיט כל־טוב.

דאָס איז דאָך אַ פאָלקס־מנהג. אַז אַן אורח קומט אַריין, זאָל מען גרייטן צום טיש און פאַרבעטן אים איבערבייסן. בערטאַ גייט נאָך ווייטער: זי לאָזט אין שטוב אַ פייערל ברענען פאַר אַ היימלאָזן פאַרבייגייער. און ביי איר איז טאַקע שטענדיק ליכטיק אין שטוב און דער טיש איז אַלעמאָל געגרייט.

בערטאַ קלינג איז זייער באַשיידן און זי זאָגט עס אָפן אַרויס, אַז אין גאָטס העכערע דרכים האָט זי זיך נישט געגריבלט. אָבער אין איר פיר האָט זי אָנגענומען אַ סך פון גאָטס געבאָטן. און פרום איז איר געבעט, אַז פון איר שטוב זאָל שלאָגן די ליכטיקייט אין גאָס אַרויס.

איך ציטיר דאָ אַ ליד, אויך אַ פאָלקס־מאָטיוו:

וואָס צו גאָט איז צו גאָט,
וואָס צו לייט איז צו לייט.
מיין מאַמע
האָט שבת געמאַכט אין דער צייט.

נאָך איידער די זון
איז אין מערב פאַרגאַנגען,
איז די וואָך מיט אַ טישטעך
געוועזן שוין פאַרהאַנגען.

איך האָב גלייך ווי מיין מאַמע
דעם שבת געגאַרט,
נאָר צו מיר קומט דער שבת
טיף אין דער נאַכט... (ז׳ 23)

— — — — — — — —

דער דיכטערנס טעגלעכע פליכטן שטערן איר גיין אין איר מאַמעס פוס־טריט. הגם זי טראָגט דעם שבתדיקן יום־טוב אין איר גאַנצן וועזן.

מיט בענקשאַפט וויינט זי זיך אויס פאַר גאָט, אָבער זי טוט עס מער אין חלום ווי אויף דער וואָר.

אַלץ, וואָס איז נאָר
אין מיין לעבן געשען,
האָב איך דערנאָך
אין חלום געזען.

מער ווי אין וואָר
געוויינט אין מיין שלאָף;
ווי איבער אַ בוך
מיט אַ טרויעריקן סוף...

אָבער וואָס ס׳מאַכט זי צו וויינען, זאָגט זי נישט אויס. דער דיכטערנס פערזענלעכע איבערלעבונג איז פאַרצויגן ווי מיט אַ וואָאַל, דורך וועלכן עס שיינט אַרויס אַ טרויעריקע ליכטיקייט. בערטאַ קלינג, מיט איר גאַנצער איינ־פאַכקייט און אָפנקייט בלייבט דאָך אַ פאַרהוילענע אין אירע לידער.

איך ווייס ניט,
צי גיי איך נאָך נאָכן טרויער,
צי גייט דער טרויער
נאָך נאָך מיר.

איך ווייס נאָר —
אַז איך בין געבונדן,
צו אים — ווי צו דיר. (ז׳ 45)

זי האָט איר פרייד מיט טרויער פאַרקניפּט און פאַרבונדן. פון קיין אמתער פרייד האָט זי נישט גענאָסן; די דיכטערן אין איר האָט בערטען, דעם מענטשן, נאָר פאַרשאַפט פאַרדרוסן. די דיכטערישע פאַנטאַזיע האָט זי אַ סך ווייטער געטראָגן, ווי דער מענטש בערטאַ. דער מענטש אין איר האָלט זי געצאַמט.

צוזאַמען
מיט דער פרייד
פון דיין קומען

האָסטו מיר געבראַכט
די שרעק

פאַר דיין גיין.

מיין גורל אַזאַ,
צו בלייבן אַליין.
זאָל גאָט מיט דיר גיין... (ז׳ 51)

אָט אין דעם ליד אַנטפּלעקט זי זיך אַ ביסעלע פאַר אונדז. דאָס האַרץ שרעקט זי, אַז די דיכטערן אין איר זאָל נישט איבערוועלטיקן דעם מענטשן אין איר, בערטען.

הגם דאָס האַרץ פרייט זיך, אָבער נישט זי, בערטאַ! דער מענטש, בערטאַ, האַלט די דיכטערן צוריק, מיט ווירדע.

אַזוי ווי זי קען נישט זיין די באַגלייטערן פון דעם דערפרייטן גאַסט, גיט זי אים איבער אין גאָטס רשות, דער רבונו־של־עולם זאָל איר פריינטס באַגלייטער זיין.

איך פאַרענדיק מיט זייער אַ דין ליד צו פּרץ הירשביינען:

איך זינג דיין ליד
פון גראָז און טוי,
עס וויינט מיין האַרץ
אין מיר אַזוי.

איבער גאַר דער וועלט
ביסטו געווען,
די וויטסטע לענדער
האָסטו געזען.

אַלץ האָסטו
אין דיין וואַנדער געפונען,
דעם שטילסטן טרויער
האָסטו באַנומען.

די טרער פונעם מלאך,
דעם אומעט פון נאַכט,
האָסט צו מיר
אין דיין ליד געבראַכט.

איצט זע איך טרערן
אין גראָז און טוי.
און עס וויינט נאָך דיר
מיין האַרץ אַזוי...

(„דער שפּיגל", אָקט׳ 1954)

ווען הינדע זאַרעצקי און איר בוך

„קראָטאָנאָ פּאַרק־בריגאַדע" (לידער און מעשיות), ז״ז 94, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידישע פאָלקס־שולן אין די פאַרייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

הינדע זאַרעצקי איז אַ דיכטערן פון צייט־מאָטיוון. זי דערשפּירט געשעע־נישן און לעבט זיי איבער און טראָגט זיי מיט ליבע אין איר ליד און דער־ציילונגען צו די קינדער, די קליינוואַרג; זיי האָט זי אויסדערוויילט פאַר וועמען אירע איבערלעבונגען אָראָפּצורעדן פון האַרצן:

ניטאָ דער כוח, וואָס קאָן אָפּשטעלן דאָס ברויזן פון ים.
ניטאָ די האַנט, וואָס קאָן אויסלעשן דאָס ליכט פון יעקבס שטאַם.

אַ סך וואַנדערונגען האָט ישראל געטאָן וואַנדערן זינט כנען, —
און הײַנט וועלן מיר דערציילן די מעשה: טעהעראַן. (ז׳ 8)

די דיכטערן דערציילט די קינדער אַ מעשה, ווי אַ שיף גייט אָפּ מיט פּליטים פון די ברעגן פון טעהעראַן און פירט קינדער צו די ברעגן פון תל־אביב.

האָט די שיף געשניטן
דעם ים דעם טיפן,
און אײַנגעשטילט דאָס ברילן
פון די בייזע אינדן:

— ים!
ים, זיי וויסן:
כ׳פיר קינדער־פּליטים
אַזש פון נע־ונד. —

האָט דער ים געשפּיגלט
אַ זילבער־גלאַטן וועג;
האָט דער פלאַג געפלאַטערט
צו תל־אביבער ברעג. (דאָרט)

די דיכטערן פרייט זיך מיט דער ייִדישער מדינה, און טאַקע מיט דעם אייגענעם ברעג, צו וועלכן שיפן קומען און ברענגען פּליטים־קינדער. און איר כוונה איז אָנצושטימען די אַמעריקאַנער קינדער מיט דער גוטער האָפענונג און דערהויבענעם יום־טוב פון אַן אייגענעם לאַנד.

און די שיף איז בשלום צוגעשווּמען צו דעם האַפן פון תל־אביב און די באַרמהאַרציקע שוועסטער וואַרטן מיט אָפענע אָרעמס אויף די אָנגעקומענע קינדער.

זענען טעכטער אָנגעקומען,
טעכטער פון יעקבס שטאַם,
און אויסגעשטרעקט די הענט
צום שפּיגלדיקן ים.

האָבן קבוצות צעעפנט טויערן און טיר
און קינדער אויפגענומען,
קינדער —
אויגן פול שרעק. (דאָרט)

דאָס ליד „צו די ברעגן פון תל אביב" איז אינטערעסאַנט ביז גאָר. איך בין אָבער נישט זיכער, צי די אַמעריקאַנער קינדער וועלן קענען אַרויסקריגן דעם תמצית פון דעם דערציילטן. בעסער וואָלט געווען, ווען די דיכטערן וואָלט די קינדער אין אַ פּאָר שורות צוגעגרייט צו דער מעשה און זיי דערציילט וועגן דער פּאַרצײַטיקער ייִדישער מלוכה; לאָמיר זאָגן וועגן דוד, דעם גרויסן קעניג פון לאַנד, און אַזוי אַרום אַרײַנצוציִען די קינדער און געווינען זייער אויפמערק־זאַמקייט. אָבער הינדע זאַרעצקי טוט עס נישט; וואָס זי טוט יאָ, איז ווײַזן, ווי

די טייערן פון די קבוצות צעפענען זיך און די קינדער ווערן מיט ליבע אויפגענומען.

שוועסטער דבורה נעמט קליינוואַרג אין שלאָפצימער אַריין,
זי טיילט זיי אויס נאַכט־העמדלעך,
זי ציילט זיי „ביט איינס, ביט צוויי" — ביז ביין.

אויף יעדן קישן רוט אַן אויסגעצוואָגן קעפל,
פון יעדן בעטל פלאַפלען קינדער־ליפלעך:
שוועסטער, שוועסטער דבורה!

לויט דעם נאָמען האָט שוועסטער דבורה געקאָנט ווערן אַ ביבלישע פיגור. זי האָט זיך באַדאַרפט ווייזן אַ פאַרשלייערטע צו די קינדער אין דער געשטאַלט פון אַ מאַמע, קינדער האָבן דאָך אַ רייכע פאַנטאַזיע און זיי זענען די פּעיִקסטע אַרויסצורופן געשטאַלטן און זיי אַנקליידן אין אַ לעבעדיקן לבוש. אַפילו ווען זיי זעען זי נישט, די ביבלישע דבורה, די „פּראָפעטן", וואָלטן זיי איר אַרײַנקומען געפילט, און זי וואָלט זייערע געמיטער געשטילט און די הערצעלעך באַרויִקט. און אויף אַזאַ אופן וואָלט די דיכטערן זיך געקאָנט פאַרשפּאָרן אַ סך רייד.

אָבער דאָס ליד און אַ סך אַנדערע לידער אין בוך שפּיגלען אָפּ די טרויעריקע צייט פון אונדזער פאָלק. איז עס נישט נאָר אַ צייט־ליד, נאָר אויך אַ דינע איבערלעבונג פון אַ טראַגישער צייט.

אָט האָבן מיר נאָך אַ מער טרויעריק צייט־ליד:

געבוירן ביסטו געטאָלע
געבוירן אין אַ צייט —
מיין חלום פון אַ בעטעלע
איז זייער, זייער ווייט.

גלעט איך דיך מיין מיידעלע,
קוש איך דיך מיין קינד;
ס'וועט ברענגען דיר אַ קליידעלע
דער גוטער, גוטער ווינט. (ז' 21).

נישט געקוקט אויף דער גרויסער קאַטאַסטראָפע האָט די דיכטערן איר גלויבן נישט פאַרלאָרן און זי רעדט צום עופעלע, ווי זי וואָלט געווען זיין גלויביקע מאַמע: עס איז דאָ אַ גאָט, מיין קינד, וואָס האַלט זיין השגחה איבער געפייניקטע מענטשן. און זי טרייסט זיך און דאָס קינד, און זאָגט: נישט געזאָרגט, דער ווינט וועט איר קינד ברענגען אַ קליידעלע. דאָס איז ייִדישער בטחון!

דאָ ווערט די דיכטערן אַ גוטע טרייסטערן פון די מאַמעס, וואָס זייערע קינדער זענען געבוירן געוואָרן אין די געטאָס.

אין „חנהלעס ערשטע רייזע" גיט אונדז הינדע זאַרעצקי אַ בילד פון אַן אָרעמער שטוב אין אַ קליין שטעטל. די מאַמע איז פאַרשמייעט מיט אַרבעט, איר טעכטערל, חנהלע, איז פינף יאָר אַלט און דאַרף שוין זיין איר אַרויס־העלפערן.

חנהלע פלעגט וויגן
דאָס עופעלע אין וויג
און פאַרוויגן עס
מיט אַ קינדעריש ליד.

הויך אונטער דער סטעלע,
אויף אַ גראָער שטריק,
געוויגט האָט זי אַ וויגעלע
הין און צוריק.

אָט האָבן מיר אַ רעאַליסטישע בילדלעכע שילדערונג פון אַן אָרעם לעבן אויף יענער זייט ים:

האָט זיך חנהלע פאַרשפּילט
הוידענדיק די וויג
און איינגעפּלויגן אין
וויגעלע, זינגענדיק אַ ליד.

פליען קינדער צוויי
העכער נאָך פון הויך —
אָט דערגרייכן זיי הוידעס פּוכיקע, בלוי אין ווייך.

די דיכטערין האָט זיך אַזוי פאַרשפּילט מיט חנהלען, אַז זי פליט מיט איר אין די הימלען פון קינדערשער פרייד. זי דערגרייכט די בלויע פוכיקע ווייסע וואָלקנס.

רייסט די מאַמע איבער
דעם פלי אין העכסטן שווונג,

אַ דערשראָקענע טוט זי
צים וויגעלע אַ שפּרונג:

אין די קליינע שטעטלעך איז אַ פינף־יאָריק קינד שוין געווען אַ גאַנצער בר־דעת. אויב איך האָב נישט קיין טעות, פלעגט מען אין דער אַלטער היים פאַרדינגען אָרעמע קינדער פון אַזאַ צאַרטן עלטער צו רייכע פרויען אַלס אַרויס־העלפערנס צו די אַמען, וואָס זיי פלעגן האַלטן צו זייערע זויגלינגס. די אַמען האָבן די נגידעסטעס אָפּגעהיט און זיי געגעבן פול רו, די מילך זאָל זיין בע־סער פאַר זייערע עופעלעך.

אַ שאָד, וואָס הינדע זאַרעצקי האָט די אַמעריקאַנער קינדער נישט דער־קלערט אין אַ פּאָר שורות, ווי אַזוי קינדער אויף יענער זייט ים האָבן זיך

געהאָדעוועט. ווייל אַמעריקאַנער קינדער, ווייסן נישט אַפילו צו פופצן יאָר וואָס ס׳מיינט אַרויסהעלפן דער מאַמען.

„צייט אַ מויד זאָל וויסן
ווי אַ קינד צו היטן —
הולינקען זי וויל באָר!
זאָל מיך גאָט באַהיטן.

חנהלע פאַרכליגעט זיך
אין געוויין, אין שרעק —
לויפנדיק אין כליפּן,
איז זי אין הויף אַוועק;

ברענען איר די אויגן,
ברענען אין פאַרדרוס, —
שפּרינגט אַזוי אַנטקעגן
אַ ליבע גרינע פראָש. (ז׳ 21)

די דיכטערן האָט אַ גוטע כוונה אין דעם ליד. זי לאָזט נישט דאָס קינד אַלט ווערן פאַר דער צייט. חנהלע בלייבט ביי איר אַ קינד. פאַרשפּילט זי חנה־לען מיט אַ פראָש. דאָס איז אַ גוטער איינפאַל און אַזוי פלעכט זי אויס פאַר חנהלען אַ גאַנצע שפּיל.

אין דער מעשה „אין דער קינדערהיים" דערציילט זיך ווי מאַמעס פלעגן ברענגען אַהין זייערע קינדער און אַליין אַוועקגיין אויף אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן. אָבער די קינדער ווילן נישט בלייבן אַליין און טוליען זיך צו די מאַמעס, און די מאַמעס קענען זיך נישט שיידן מיט די קינדער; די לערערנס מיט ליבע שמייכלענדיקע פּנימער נעמען די קינדער אַרויס פון דער מאַמעס אָרעמס און פאַרשפּילן זיי.

קינדער, וואָס האָבן עס אַליין נישט דורכגעלעבט, וועלן דעם טראַגיזם פון יענער צייט, פון הינדע זאַרעצקיס שילדערונג, נישט אויפנעמען.

סיידן ווען הינדע זאַרעצקי וואָלט אָנגעגעבן די צייט, דאָס יאָר, דעמאָלט וואָלט די דערציילונג אָפּגעשפּיגלט אַ שטיק לעבן פון יענער עפּאָכע און גע־בליבן ווי אַ דאָקומענט.

זייער אַ פיינע דערציילונג איז „די נייע שפּיל", וועלכע שליסט זיך מיט אַ פאָלקס־ליד.

דער זיידע מיטן אייניקל שפּילן זיך אין אַרבעט:
„ווען דער זיידע אַברהם קומט אַריין אין שטוב ווערט דוד אַ לעבדיקער".

אויפגעגייט די קליידלעך,
אויפגעגייט זיי גוט —
שפּאַנען ייִנגלעך, מיידלעך
פריילעכע מיט מוט!

אָפּגעאַרבעט יאָרן,
אָפּגעאַרבעט טעג —
דער וואָס אַרבעט יאָרן
ליכטיק איז זיין וועג.

— — — — — — — — — —

טראַ־לאַ־אַלאַ־לאַלאַ, דער וואָס אַרבעט יאָרן,
טראַ־לאַ־לאַ, אַלאַ־לאַ, ליכטיק איז זיין וועג.

„די נייע שפּיל" (ז' 42)

אַזוי גייט אָן די שפּיל אין דער גאַנצער דערציילונג.

אַזוי אויך די דערציילונג „לייבל פון אונטערן באַרג" (ז' 85), וועלכע פאַרענדיקט זיך מיט אַ פאָלקס־מאָטיוו.

אלה תולדות נח — פון בראָנפן קריגט מען כוח
פון בראָנפן קריגט מען כוח, און תורה שאַרפט דעם מוח.

אין אָט די דערציילונגען איז דאָ שפּיל, און דערצו אַ סאָציאַלער הינטער־גרונט. איז גוט, וואָס הינדע זאַרעצקי האָט אַרויסגעגעבן איר ערשט ביכל פאַר די קליינוואַרג. דאָ האָט זי זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט מיט איר גרויסער ליבע צו קינדער.

(„דער שפּיגל", יאַנ' 1956).

אויפריכטיקייט

(וועגן חנה בושעל־סאָלאָווס לידער)

די פרויען דיכטערנס, קען מען זאָגן, זענען ווי דאָס יידישע פאָלק, זיי זענען אין גלות. דער איינציקער אונטערשייד איז: דאָס יידישע פאָלק איז אין גלות ביי דער וועלט, ביי די גויים, און די פרויען דיכטערנס ביי די יידישע שרייבער, די מענער.

ס'זענען די לעצטע פאַר יאָר אַרויס אייניקע ביכער און ביכלעך פּאָעזיע פון פרויען דיכטערנס. אייניקע בעסערע און אייניקע שוואַכערע. בדרך כלל, דיכטערנס זענען זיי. ווען עס וואָלט פון זיי עפּעס נישט געמאָנט, וואָלטן זיי דאָך אַפילו קיין שלעכט ליד נישט געקאָנט אָנשרייבן.

און אויף אייניקע פון די אַרויסגעגעבענע ביכלעך האָט מען, לויט מיין מיינונג נאָך, זיך באַדאַרפט אָפּרופן. גוט אָדער שלעכט.

אָבער אַזוי פירט זיך ביי די מענער: מען פאַרשווייגט די פרוי.

חנה בושעל איז ערלעך אין איר ליד. זי מאַכט ניט קיין אָנשטעל. זי זאָגט:

איך קלייב און קלייב און קלייב פון שפּעט־יאָרן און מי,
דאָס גאַנצע איבערקלייב פון דאָס רייניע בלי...

זי לעבט איבער דאָס שענסטע, דאָס איידלסטע, און געדענקט עס, דאָס שלעכטע איז בעסער צו פאַרגעסן. און אָט פרעגט זי זיך אַליין:

איך קלייב און קלייב און קלייב,
פֿאַרצייכן און פֿאַרשרייב.

פֿאַר וועמען און פֿאַרוואָס,
און צו וואָס טו איך דאָס?

אַ יאוש־ליד, אַ מין קהלת־אויסדרוק: אַלץ איז הבל הבלים.

איז עס כאַראַקטעריסטיש פֿאַר חנה בושעל. זי פֿרעגט: דאַרף עמיצער מיין ליד? און זי ענטפֿערט זיך: ניין, קיינער דאַרף דיין ליד נישט. אָבער עס שרייבט זיך דאָך יאָ. גיט זי זיך אַן עצה און זי געפֿינט אויס אַ לייענער פֿאַר איר ליד:

וויל ניט קיינער מיינע לידער,
וואַרף איך זיי אַריין אין טייך;
שווימען זיי, ווי ווייסע טויבן,
מיטן שטראָם זיי שווימען גלייך.

אויפֿן טייך דעם טונקל־בלויען
פֿאָרט אַ פֿישער מיט זיין שיף;
שווימט אַ ליד מיינס אים אַנטקעגן —
און ער מיינט, עס איז אַ בריוו.

אַפֿילו דאָ גלייבט זי נישט, אַז דער פֿישער וועט זיך פֿאַראינטערעסירן מיט איר ליד. ניין, ער זוכט גאָר אַ בריוו. זי אַליין ווייסט גאָרנישט, אַז זי האָט באמת דערפֿרייט דעם פֿישער מיט איר ליד.

ציט ער עס אַרויס פֿון וואַסער,
און דאָס ליד, עס פֿליסטערט צאַרט:
אָ, דו גוטער פֿישער, ליבער —
כ'האָב אַזוי נאָך דיר געגאַרט. (ז' 15).

האָט זי פֿאַרדינט דעם שכר פֿאַר איר ליד. זי האָט דערפֿרייט אַן איינזאַמען פֿישער, און אויך — זיך. זי האָט דערפֿרייט איין עלנטן מענטשן און באַרעכטיקט איר ליד.

און די הויפּט־זאַך: עס איז פֿאַראַן אויפֿריכטיקייט אין איר שרייבן.

שטערן פֿאַלן אויף די וועגן,
זאָג, ווער קלייבט זיי אויף?

און ווער קומט אַנטקעגן
אויף די שטערנס רוף? (ז' 13)

דאָס זענען פֿיר שורות, געשריבן מיט שטערן־כּתב אין הימל, אין בלויען סדור פֿון הימל.

און די פֿראַגע איז:

ווער וועט אויפֿקלייבן די שטערן און ענטפֿערן דעם רוף פֿון די שטערן אין איר געמיט — אירע לידער?

אַזוי זענען אַ סך פֿון אירע לידער: שטיל דורכגעלעבטע, דורכגעפֿילטע, דורכגעשטערנטע.

איז אַ שאָד וואָס מען פֿאַרזעט די פֿרויען דיכטערנס.

(28סטן מערץ, 1952).

רגעס פון נענאַד

(געקליבענע לידער)
פון פעסי הערשפעלד־פּאַמעראַנץ
ציקאָ ביכער־פאַרלאַג זז׳ 156
אילוסטרירט און אויסגעשטעלט י. שלאָס

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פיר אָפּטיילונגען. 1 — שטילער אָטעם; 2 — פלעקן זון; 3 — כישופדיק ווייט; 4 — געקוילעטער נעכטן.

עס עפנט זיך מיטן ליד „דורכזיכטיקע ספערן" (ז׳ 9).

אין טעג פון פּאַלמע־רויש און זון־ליכט,
אין טעג פון דורכזיכטיקער בלויקייט,
ווער איך אַ לייכטער, ווייסער וואָלקן
און שוועב אַוועק צו צווייטע שטערן.

פעסי הערשפעלד־פּאַמעראַנץ איז אַ דיכטערן פון אָנשטימונגען. זי שאַפט אַ ליכטיקע דורכזיכטיקע פעריפעריע אַרום זיך און בלויע הימלען איבער זיך. דורך דער דורכזיכטיקייט שנירלט זיך אַדורך אַ ליכטיקע פאַרגאַנגענהייט און אַ בענקשאַפט וואָס פאַרט זיך מיט בלומען, טייכן. טוט זי זיך אַ הייב און ווערט אַ ווייסער וואָלקן און שוועבט דורך אָט די ספערן און פאַלט צו צו דער אוקראַי־נערשער זאַפטיקער ערדישקייט.

„מיין זיידע אין אוקראַינע... (ז׳ 42)
„איך פאַל צו צו דער ערד" (ז׳ 36)
פרימאָרגן געבענטש האָט די ערד
מיינע טריט — איבער־ווילדגראָזן און דערנער. (ז׳ 22).

זי איז שפּאָרזאַם אין רייד. דורך אָט דער פּאָעטישער הויכקייט מיט וועל־כער זי האָט זיך אָנגעשטימט און שוועבט דורך דורות... „ווו עס דרעמלען

דאָרטן אַלע מוראס" (ז' 10) אויף קליינע, צאַרטע שוואַכע גראָזן. באַלד נעמט איר אָרום אַ שרעק, אַ ציטער פאַרן צעשטער.

נאָר ס'וויל דער מענטש נאָך פּליען העכער
און טראַכט... ווי וועלט צעשטערן (ז' 11).

עס איז דאָ אין אַ סך פון אירע לידער די אײדעלע דאַנקבאַרקייט פאַר דעם עצם קיום: „אין מיר שפּראָצט און בליט דער דויער פון דער וועלט (ז' 59).

עס האַלט לאַנג נישט אָן. איר האַרץ ווערט פאַרקלעמט, די צונג פאַרשטומט. פאַר דער שלעכטס פון דער וועלט (ז' 14).

אַט האָבן מיר אַ ליד פון שפּיטאָל (ז' 50), ווו זי ליגט אונטערן מעסער אויפן טיש, דער דאָקטער מיטן ווייסן טורבאַן אויפן קאָפּ, די באַרעמהאַרציקע שוועסטער, דוכט איר, טראָגט סם אין האַנט; און אַז די קראַנקן־שוועסטער האַלט שטייף די גאַזמאַסקע איבער איר פּנים, פאַנגען ביי איר אָן רוישן אין קאָפּ אָפּגעהאַקטע ווערטער — „היטלער, גאַז־קאַמער, היטלער, גאַז־קאַמער". (ז' 52).ביים לעצטן אָטעם טראָגט זיך די דיכטערן פּעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנץ אַריבער אין היטלערס גאַז־קאַמערן. אויסגיין מיט אַלע ייִדן צוגלייך.

טיף אין אין איר האַרצן האַלט זי באַהאַלטן איר גלויבן, אַז גאָטס השגחה וועט וואַכן איבער איר לעבן און איבער דעם לעבן פון ייִדישן פאָלק.

„מיט שפּראָץ אויף טאָג
האָב איך צעעפנט מיינע אויגן.
און כאָטש מיין קאָפּ
איז נאָך געהאנגען
האָבן די ליפּן שטיל געמורמלט:
ווי אָן אויסגעלאָשענע לאָמטערן, —
דאַנק דיר גאָט
אַבי ס'איז שוין אַריבער".

זי זעט, זי פילט די טרויעריקע לאַגע, זי איז אָבער איבערפולט מיט בטחון.

ס'ווערט שיטערער אין אונדזער ייִדיש־וואַלד:
די גבורה...
אין פלאַטער פון די בלעטער —
דער גייסט פון הויכן קלעטער. (ז'154).

שרה קינדמאַן

מיט אַן אַריינפיר פון י. מ. ז"ז 63, ניו־יאָרק 1957.

פאַרנאַנדערבלי. לידער מיט אַן אַריינפיר פון י. מ. ז"ז 63, ניו־יאָרק 1957.

דער אַריינפיר מאַכט קלאָר ווען און ווי אַזוי די דיכטערן שרה קינדמאַן האָט אָנגעהויבן שרייבן. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער קורץ־ביאָגראַפישער אַריינפיר.

ווי דער אַריינפירער י. מ. דערציילט אונדז איז שרה קינדמאַן געקומען צום אויסדרוק, ווען זי איז געווען אַ יונג מיידל און האָט געפּאַשעט גענדז און געזונגען יידישע אוקראַאינישע פאָלקס־לידער.

לייענענדיק שרה קינדמאַנס לידער האָט זיך מיר געשטעלט די פראַגע: ווי קומט צו איר אַזויפיל תפילה־לידער? אַ שווישפּילערן און אַזאַ גלויביקע. טוט זי זיך מיט איר גלויבן אַ גרויסע טובה. איר ליד ווערט פול ווי אַ זאַנג מיט קערנער.

תפילות
מיין געבעט.
...פאַרנעם, גאָט פון האַרצן די פּשוטע רייד:
ניט עשירות און כבוד ביי דיר איך בעט —"

זי וויל ניט קיין עשירות און כבוד — זי בעט דעם רבונו של עולם, אַז איר ליבסטער זאָל אייביק גיין ביי איר זייט. דאָס איז געווען איר יוגנט־חלום. און זי בעט, אַז איר מיידלש נאַריש האַרץ זאָל קיינמאָל קלוג ניט ווערן. (ז' 10).

„בענטש אויך דאָס ווינקל ווו מיין באַשערטער
רוט אונטער שוץ פון דיין גנאָדפולן בליק.
און אויב ער פאַרבלאָנדזשעט אויף דאָרנדיקע וועגן
ברענג אים בשלום מיר ווידער צוריק. (ז' 12).

עס טראָגט זיך אַ פרומער ציטער איבער די שורות פון איר ליד.

„אין דיינע לייכטער, מאַמע,
בענטש איך שבת־ליכט,
שאָטענען־אויס די פלעמלעך
דיין כשר־שטיל געזיכט". (ז' 13).

לייענענדיק אירע לידער האָט זיך מיר געדוכט, אַז אויף אירע ליפּן האָבן איך געזען ניט־אַרויסגעזאָגטע, צוריקגעהאַלטענע יידישע ווערטער: גוט העלף אייך״! און אָט די ווערטער האָבן זי ניט איינמאָל פאַרהאַלטן אויף דער שוועל פון אויסדרוק.

מיר האָבן דאָ אַ ציקל לידער „מאַמע מיינע״ (זז׳ 14־15).

„אין שפּיגל־מיין שאָטן ...
שפּיגלט אָפּ דיין געשטאַלט —
ווינטש איך צו ווערן
יונגערהייט אַלט.

אָט די פרומע ליבשאַפט צו איר מאַמען האָט זי אריבערגעטראָגן צו איר לעבנס־באַגלייטער.

„ווען דו עפנסט אויף די טיר,
און עס טוט אַ בלענד אויף מיר
דיין ווייסער קאָפּ און בלויער בליק,
ווערט מיט ברכות פול דאָס הויז״   (ז׳ 21).

זי באַשאַפט אַרום זיך יום־טוב. און אַז איר לעבנס־באַגלייטער עפנט די טיר קומט אים אַנטקעגן איר יום־טובדיקע געשטאַלט. שפּיגלט ער זיך אין איר אָפּ.

אָט האָבן מיר נאָך אַ ליד מיט אַ שיר־השירימדיקער שטימונג:

ווי איך האָב אים האָלד?
אַז רעדן איז זילבער,
און שווייגן איז גאָלד״.   (ז׳ 22).

זייער פאָלקסטימלעך.

אַז מען לייענט איבער שרה קינדמאַנס בכלל לידער, הויכט מען זיך אָן מיט אַ יום־טובדיקייט, געפּאָרט מיט פאָלקסטימלעכקייט.

פינף קינדער פאַרלייקנט

ווען מערי־ברכה איז געשטאָרבן, האָט זי איבערגעלאָזן משהן מיט זיבן קינדער.

משה האָט אָפּגעוואַרט אַ יאָר נאָך איר טויט און האָט אָנגעהויבן זיך צוצוהערן צו שדכנים. וואָס קען ער טאָן מיט זיבן קליינע קינדער? ער דאַרף דאָך אַ באַלעבאָסטע אין שטוב און אַ מאַמע צו זיינע קליינע קינדער.

האָט מען אים טאַקע אָנגעהויבןריידן שידוכים. קיין עלטערע פרוי פאַר אַ מאַמע צו זיינע קינדער האָט משה ניט געוואָלט. אַ פרוי מיט קינדער — אַוודאי און אַוודאי ניט. האָט מען אים גענומען ריידן מיידלעך. פון באַלעבאַטישן אָפּשטאַם. ווייל משה אַליין האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ בעל־יחוס. און דערצו האָט ער דאָך געקענט אַ ביסל לערנען.

האָט מען געדונגען אַ בעל־עגלה און משה מיטן שדכן האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ בויד און מ'האָט זיך געלאָזט קיין באַברויסק. דאָרטן איז געזעסן אַן עלטער מיידל, שוין אַריבער די דרייסיקער, און געוואַרט אויף איר זיווג.

משה איז פאַרפאָרן צו אירן אַ ברודער. דער ברודער איז געווען אַן אָנגעזעענער מענטש אין באברויסק. זיין נאָמען איז געווען רפאל.

מען האָט שוין געזען, אַז דאָס מיידל זאָל אין צייט קומען צום ברודער. איר נאָמען איז געווען דבורה. מען האָט איר פאָרגעשטעלט פאַר משהן, ווי רפאלס שוועסטער. משהן איז דאָס מיידל געפעלן: שיין און איידל, און פון גרויס יחוס. אַזוי, אַז דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן און משה איז שוין פאַרבליבן ביי איר ברודער ביז איבער דער חתונה.

ערשט נאָך דער חתונה האָט משה אויסגעפונען, אַז זיין ווייבל האָט אַ מום. אײן פוס האָט קרום געקוקט אויפן צווייטן. אָבער דאָס ווייבל איז זייער אַ פיינע האָט משה געטראַכט: חתונה געהאַט איז פאַרפאַלן.

נאָך מער, משהס געוויסן איז אויך ניט ריין געווען. עס איז טאַקע אמת, ער האָט דער כלה קיין ליגן ניט געזאָגט, ער האָט דאָך איר ניט פאַרלייקנט זיינע קינדער. אָבער זי האָט ביי אים ניט געפרעגט וויפל קינדער ער האָט. נו, האָט ער ניט געפונען פאַר נויטיק איר עס צו דערציילן.

דער שדכן האָט איר יאָ געזאָגט, אַז משה האָט צוויי בנים, צוויי יינגלעך און דריי מיידלעך האָט ער אַרונטערגעשלונגען. שאַ שטיל. די בחורים, נישקשה זיי וועלן זייער שטעטל אַליין באַשטיין. געראָטענע קינדער — האָט איר דער שדכן פאַרזיכערט.

משהן איז נישט געווען צום האַרצן וואָס דער שדכן האָט פאַרשוויגן זיינע דריי טעכטער. זיי זענען דאָך ביי אים געווען טייער און ליב. אָבער ער האָט דאָך עס ניט געטאָן, נאָר דער שדכן און אַ שדכן זאָגט קיינמאָל ניט קיין אמת.

דאָס יונגע ווייבל האָט זיך פאַרנומען מיט פּאַקן אירע קליידער. זי האָט עס געטאָן מיט אימפּעט, מיט פרייד. זי גרייט זיך צו אַ ניי און גליקלעך לעבן. זי וועט פּטור ווערן פון איר שטיף־מאַמען. ווערן אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך, אַזוי אַז זי האָט קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן לאַנג וועגן משהס קינדער.

ביי רפאלן, דאָס הייסט, ביי איר ברודער אין שטוב, אין אַ טומל. מען קומט זיך געזעגענען מיט דער יונגער ווייבל, וואָס פאָרט אָפּ מיט איר מאַן צו אים אין דאָרף.

דבורהס פאָטער, אַ בכבודיקער ייִד אין שטאָט, איז געזעסן אין אַ ווינקל פאַרטראַכט: ווער ווייס ווהין ער שיקט אַוועק זיין טאָכטער, כאָטש משה האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן דרך־ארץ צו זיך. ער האָט אויך אויסגענומען ביי דבורהס טאַטן.

נאָך מיטאָג איז צוגעפאָרן צום שטוב אַ בעל־עגלה מיט אַ בויד גע־שפּאַנט צו צוויי פערד. דאָס פאַרפּאַלק איז אַריין אין בויד. אַלע האָבן זיי צו־געווונטשן גליק. דער בעל־עגלה האָט אַ שמיץ געטאָן די פערד און מע איז אַוועקגעפאָרן.

אָפּגעפאָרן אַ פּאָר מייל האָט משה זיך צערעדט מיט זיין יינג ווייבל. גע־בעטן זי זאָל זיין אַ מאַמע צו זיינע קינדער. און דערביי האָט ער געפּליסטערט אונטער דער שוואַרצער באָרד אַן אַנצוהערעניש, אַז דער שדכן האָט פאַרלייקנט קינדער. דבורהס מילדע אויגן האָבן אַריינגעקוקט אין משהס טרויעריקע אויגן. זי האָט אָבער נישט געוואַגט אים איבערצופרעגן וויפל קינדער ער האָט.

נאָך יעדער פּאָר מייל אָפּפאָרן האָט משה צוגעגעבן אַ קינד. מיינט עס, אַז משה האָט פינף קינדער, האָט דבורה געטראַכט, אַ ביסל שפּעטער — זעקס. אַז דער בעל־עגלה איז געקומען נאָענט צום דאָרף זענען פון די פיר גע־וואָרן זיבן.

וואָס זאָל נעבעך דבורה טאָן? און בעת־מעשה האָט זי געקלערט: זי האָט דאָך אים אויך גענאַרט. זי האָט דאָך אָנגעטאָן איר גרויע זיידענע קלייד מיט די רויטע שטרייפן, וואָס האָט דערגרייכט ביז צום דיל, כדי ער זאָל נישט זען אירע קרומע פיס. און משה איז געווען אײדל אַפילו זי ניט געפרעגט אויב זי איז אַזוי געבוירן געוואָרן.

ווען די בויד איז צוגעפֿאָרן צום הויז, זענען דריי פֿון משהס קינדער אַרויסגעלאָפֿן באַגעגענען דעם טאַטן, דער ייִנגסטער זון און דריי מיידלעך. משהס מיטלסטע טאָכטער מרים, אַ בלאַסע מיט צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען איבער אירע אַקסלען איז געזעסן אין ווינקל אויף דער קאַנאַפּע אַ פֿאַרקלערטע און זיך פֿון אָרט נישט גערירט. ווען משה האָט דערזען די עלטערע און ייִנגערע טאָכטער און די מיטלסטע נישט, האָט זיין האַרץ אַ קלאַפּ געטאָן פֿאַר שרעק. און זיין פּנים איז בלאַס געוואָרן. זיך צעקושט מיט די קינדער, האָט משה אַריינגעפֿירט דאָס יונגע ווייבל אין שטוב און מיט שנעלע טריט צוגעגאַנגען צו מרימען זי אַ נעם געטאָן צו זיך און געדריקט צום האַרצן. דערנאָך אַ נעם געטאָן דבורהן ביי דער האַנט און צוגעפֿירט צו מרימען: זע, טאָכטער, איך האָב דיר געבראַכט אַ מאַמע. ביי מרימען זענען אַראָפּגעפֿאַלן אַ פּאָר הייסע קינדערשע טרערן.

דבורה האָט אַרויסגענומען פֿון אַ האַנט־קאַרזינקע אַ קרענצעלע זיסע בייגעלעך און עס געגעבן מרימען. מרים האָט די בייגעלעך נישט גענומען. מיט אַ שטים אָנגעפֿילט מיט טרערן האָט זי געענטפֿערט: איך עס נישט קיין זיסע בייגעלעך.

אויף דבורהס איידעלן פּנים האָט זיך אַ קרענקלעכקייט צעשפּרייט. און משהס אויגן זענען טרויעריקער געוואָרן. האָט זי די בייגעלעך פֿאַרטיילט די אַנדערע טעכטער. איז מרים צוגעגאַנגען צו איר עלטערע שוועסטער, לאה, און צו דער ייִנגערער, רבקה, און האָט זיך געבייזערט אויף זיי הלמאי זיי עסן די זיסע בייגעלעך. לאה האָט מיט כעס אָפּגעענטפֿערט מרימען: זי איז דאָך נישט שולדיק וואָס די מאַמע איז געשטאָרבן, מיר קענען דאָך אַליין נישט זיין! טעקלא די שכנטע וועט אַוועק אַ היים, ווער וועט דיר פֿאַרפֿלעכטן די צעפּ? מרים האָט זיך צעוויינט. משה איז אַרויס פֿון שטוב אין הויף, ער האָט נישט געקאָנט הערן דאָס געוויין פֿון זיין באַליבטסטער טאָכטער מרים.

אַ טשיקאַווע רפֿואה

משה איז אַ הויך־געוויקסיקער ייִד, מיט אַ רונדער שוואַרצער באָרד, אין זיינע צוויי ברוינע אויגן האָט מען געקענט זען ייִדישן צער.

משה האָט חתונה געהאַט צו זעכצן יאָר. ער האָט נאָך געטראָגן לייוונ־

טענע תחתונים, במקום הויזן. ווי עס פּירט זיך ביי ייִדן, איז די פרוי די פּאַרדינערן, די אשת חיל און דער מאַן זיצט און לערנט תורה.

משה איז היללס עלטסטער זון. הילל האָט געהאַט נאָך צוויי זין, אברהם אהרן און ירחמיאל און איינאיינציקע טאָכטער, חנה־לאה. משה איז ביי היללן געווען דער געראָטנסטער. אַ חוץ וואָס ער האָט געקאָנט אַריינקוקן אין די קליינע אותיות איז ער געווען אַ שטילער, אַן ערנסטער. כמעט נישט גערעדט מיט קיינעם. אַלעמאָל געווען פאַרטיפט אין זיך.

מערי־ברכה, משהס ווייב, קליינגעוויקסיק, אָבער קלוג און שיין. זי האָט גוט פאַרשטאַנען איר מאַן, משהן. און נישט איינמאָל האָט זי געטראַכט, ער וועט זיך קיינמאָל נישט איינשפּאַנען אין אַ יאָך פון פרנסה. דאָס איז ניט פאַר אים. ער איז שטיל און צו ערלעך. ער ווייס ווי מע גיט, אָבער נעמען — דאָס ניט. אַזוי טראַכטנדיק פילט זי ווי עס טוט זיך עפּעס אַ ריר ביי איר אונטערן האַרצן. אירע ליפּן מורמלען: גאָט, מיין גאָט! איך פיל לעבן.

משה איז געזעסן און אַריינגעקוקט אין דער גמרא. מערי־ברכה איז צו אים צוגעגאַנגען און פאַרשעמט פאַרטרויט איר מאַן דעם סוד. משה האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ פון ספר און אַ קוק געטאָן אויף מערי־ברכהן און ניט געזאָגט קיין וואָרט. און באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צום ספר. מערי־ברכה האָט שטיל זיך אַוועקגערוקט און איז געבליבן זיצן אין אַ ווינקל אַ פאַרטראַכטע: איצט וועט די הוצאה זיך פאַרגרעסערן. דאָס גיין אויפן דאָרף און אַריינברענגען דאָס ביסל תבואה, קאַרטאָפל וועט נישט קלעקן צו האָדע־ווען קינדער. הגם, פון צייט צו צייט, וועט זי אויך קויפן ביי די גויעס אַ קעלבל, אַ פּאָר הינער, אַזוי אַז עסן וועט דעם קינד ניט פעלן.

אָט ביי די טראַכטענישן האָט זיך איר פּנים צעלויכטן. די אויגן גע־פינקלט ווי צוויי שבת־ליכט. און באַלד טוט זי אַ קלער וועגן איר שוויגער, שיינע־מלכה. זי האָט דאָך אויסגעהאָדעוועט פיר קינדער. און דער שווער האָט דאָך קיינמאָל גאָרניט געטאָן. און טוט איצט אויך גאָרניט.

זי וויל זיך אַרויסוויקלען פון איר שווערן געמיט, טוט זי זיך אַ הייב אויף פון שטול און גייט צו צו משהן, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן מיטן קאָפּ איינ־געבויגן איבער אַ ספר, נאָך טיפער ווי פריִער.

משה האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן, געקוקט אויף מערי־ברכהן מיט ליב־שאַפט און געשוויגן. דערנאָך האָט ער שטיל אַרויסגערעדט: — איך וועל קויפן אַ פערד און וואָגן און אַרויספאָרן איבער די דערפער. דו וועסט מיר איינקויפן אַ ביסל סחורה.

מערי־ברכה האָט זיך פאַרדויטלט.

— דו, משה?

— זאָרג ניט! עס וועט זיין מעל און קאַרטאָפל און אַנדערע זאַכן אויך.

מערי־ברכה קוקט אים אָן מיט פאַרוווּנדערונג. עפּעס גלייבט זיך עס איר ניט — דו, משה?

אויף דער צווייטער וואָך, גלייך נאָך הבדלה, האָט משה אָנגעטאָן זיין וואָכעדיקע קאַפּאָטע און אַריינגעלייגט דעם טלית און תפילין אין טלית־זעקל און מערי־ברכה האָט אים געהאָלפן אַרויפלייגן דאָס ביסל סחורה אויפן וואָגן. משה האָט מערי־ברכהן געווונטשן אַ גוטע וואָך און איז אַוועקגעפאָרן איבער די דערבייאיקע דערפער.

אַז משה איז אַוועקגעפאָרן, איז מערי־ברכה אַוועק צו איר שכנטע טעקלא און האָט איר דערציילט וועגן איר מאַנס אַוועקפאָרן איבער די דערפער. און האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

— אָן זשע דוכאָווני — זאָגט טעקלא — (ער איז דאָך אַ מענטש פון גייסט) קאָכאַנקאַ מאָיאַ! נע פּלאַץ. (וויין ניט, טייערע מיינע)!

און זי גיט מערי־ברכהן אַן עצה:

— לערן זיך אויס נייען קאַפּטאַניקעס, וועסטו בייטאָג האַנדלען און ביי־נאַכט נייען קאַפּטאַניקעס. דעם ערשטן קאַפּטאַניק וועסטו מיר אויפנייען. דו וועסט זען, קאָכאַנקאַ, עס וועט דיר גוט זיין.

ביי מערי־ברכהן האָבן געפינקלט פריידיקע טרערן אין די אויגן.

די וואָך וואָס משה איז ניט געווען אין שטוב האָט זיך געצויגן ווי פון פעך. מערי־ברכה האָט קוים דערלעבט דעם פרייטיק. זי קאָכט און באַקט, לייגט אַ ווייסן טישטוך אויפן טיש, די לייכטער צעשייערט, די ליכט אַריינגע־שטעלט, די חלה אויפן טיש, די מאכלים צוגעגרייט, זי פאַררוקט שוין דעם טשאָלנט. פאַרחתמעט מיט דער זשאַלינקע דעם אויוון און מיט אַ נאַסער שמאַ־טע אַרומגעוויקלט די היץ זאָל ניט אַרויס. עס איז געווען אַ שיינער זומער־טאָג, די זון האָט זיך שוין גענומען נויגן צו מערב־זייט, און משה איז נאָך ניטאָ. מערי־ברכה איז אומרויק געוואָרן. זי איז אַרויס פון שטוב און געקוקט צום זונפאַרגאַנג.

אַזוי ווי זי שטייט אין איר שבתדיקער קלייד אָנגעטאָן און בעט גאָט, ער זאָל איר שבת ניט פאַרשטערן, דערהערט זי אַ סקריפּ פון רעדער. משה איז אין הויף אַריינגעפאָרן מיט אַן אָנגעפּאַקטן וואָגן מיט תבואה, אין וועלכן

הענער האָבן זיך צעקרייעט, ווי זיי וואָלטן צופרידן געווען וואָס זיי זענען געקומען איידער די זון איז אונטערגעגאַנגען און ניט מחלל שבת געווען.

משה האָט געאײַלט אַרונטערצונעמען פון וואָגן פאַר דער שקיעה די זעק קאַרטאָפל און דעם זאַק קאָרן. צו ערשט האָט ער אַ נעם געטאָן דעם זאַק מיט די קאַרטאָפל. ער האָט ניט באַוויזן נאָך נעמען דעם זאַק אויפן אַקסל און ער איז געבליבן שטיין אַן איינגעבויגענער אויף איין זייט און זיך נישט געקענט צו־ריק אויסגלייכן. מערי־ברכה, אַ דערשראָקענע האָט אים געהאָלפן אַרײַנגיין אין שטוב. דער זאַק מיט די קאַרטאָפל איז געבליבן ליגן אויף דער ערד אַ צעשאָטענער. טעקלאַ האָט עס דערזען. זי איז צוגעלאָפן צום וואָגן און באַלד אַלץ אַרײַנגעטראָגן אין שטוב. זי האָט אויך אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, עס אַרײַנגעפירט אין שטאַל, וואָס איז געווען הינטערן שטוב. אָבער משה האָט זיך נישט געקאָנט אויסגלייכן. און אַזוי איז אַוועק דער שבת. נאָך הבדלה איז משהס פאָטער הילל אַרײַנגעקומען אין שטוב, דערזען זײַן זון משהן ווי ער גייט געבויגן אויף איין זייט, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זײַן שנור, מערי־ברכהן:

— גיי צום פעטער דוד און זאָג זײַן זון פינען, אַז ער זאָל גלייך קומען אַהער.

מערי־ברכה האָט געקוקט מיט שרעק אויף איר שווער.

הילל זאָגט צו איר מיט כעס:

— קוק מיך ניט אָן! טו וואָס מען זאָגט דיר! און גיי ברענג אים. איך דאַרף אַ בכור!

זי איז ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. פינע איז געקומען. ער האָט אָבער ניט געוווסט צוליב וואָס מען דאַרף אים. שטייט ער אין אַ פאַרלעגנהייט.

הילל זאָגט צו משהן: — לייג זיך מיטן בויך איבערן שוועל.

משה טוט עס.

ער ליגט אויסגעצויגן איבערן שוועל אין זײַן גאַנצער לענג.

הילל זאָגט צו פינען:

— טרעט אַריבער איבער זײַן רוקן דריי מאָל.

פינע האָט אַזוי געטאָן.

נאָכן דריטן מאָל האָט זיך משה אויפגעהויבן פון שוועל און זיך אויס־געגלייכט ווי אַ סטרונע, ווי קיינמאָל גאָרנישט געווען. ביי משהן פלעגט עס זייער אָפט פּאַסירן, זינט ער איז געוואָרן אַ „פאַרדינער". אָבער יעדעס מאָל, אַז ער איז פאַרשטייפט געוואָרן פלעגט ער זיך לייגן איבערן שוועל און אַ בכור פלעגט איבער אים דריי מאָל אַריבערטרעטן — און ער פלעגט גלייך געזונט ווערן.

אפרופן

מינאַ באָרדאָ־ריווקין

מינאַ באָרדאָ־ריווקין. „לידער". אין ליכטיקן אָנדענק פון ב. ריווקין.
טיפע, אינהאַלטסרייכע לידער, בילדלעכע געדאַנקלעכקייט, ווו נישט ווו לידישער געזאַנג; בדרך כלל לידער פון אַ מאָדערנער ייִדישער פרוי!
איר „תפילה" קלינגט שטאָלץ:

ניט אַן אביון איז געקומען נאָך שוץ —
ס'איז געקומען אַן אורח, אַ גאַסט, אַ גביר;
איך טראָג אַ זאַק מיט אוצרות פון גוטס.
גאָט עפן פאַר מיר דיין פאַרשלאָסענע טיר.

נאָך שענער, ווייל פריידיקער (געשריבן אין יאָר 1936!) איז דאָס ליד „אין דיינע אויגן דרימלען סודות".
אמת, דאָס ליד „מיין טאַטע", געשריבן אין זעלביקן יאָר, 1936 — פאַרמאָגט שוין עלעגישקייט.

„מיין טאַטע טראָגט צער אין זיינע אויגן,
דאָס געדענק איך זינט איך בין אַ קינד געווען"...

אָבער דאָס קליינע ליד פאַרענדיקט זיך מוטיק און גלויביק:

„איך וועל אויף מיין טאַטנס וועג ניט פאַלן,
מיין וועג איז פון זיינע אויגן געהיט"...

ייִדיש און טיף, ווי אירע לידער זענען בכלל. מינאַ באָרדאָ דאַרף בלויז מער אַכטונג געבן אויף דער פאָרמע און זי וועט פאַרנעמען אַ פיינעם פלאַץ צווישן די ייִדישע דיכטערנס אין אַמעריקע.

אברהם רייזען
(„די פעדער", 1949)

מינאַ באָרדאָ־ריווקין, לידער, ניו־יאָרק

מינאַ באָרדאָ־ריווקין איז די פרוי פון דעם קריטיקער ב. ריווקין עליו השלום. עס איז פאַראַן אַ געוויסע השפעה פון ריווקינען דעם קריטיקער אויף מינאַ באָרדאָ־ריווקין דער פאָעטעסע. ב. ריווקין איז געווען אַ שרייבער אַ נישט־קלאָרער, אַ פאַרפלאָנטער־

טער אין אידייען און בילדער, און אין תוך — אַ מיסטיקער. די לעצטע יאָרן האָט ב. ריזוקין זיך אָפּגעגעבן מיט דעם, וואָס וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט ווערן זיין הויפּט־באַרוף: מיט אָקולטיזם, מיט זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דעם איבערנאַטירלעכן און סודותדיקן. גראָד דאָ, אויף דעם געביט, איז דער טיפגלויביקער ב. ריזוקין געווען זייער קלאָר און אויסגעשפּראָכן. ער האָט אויף אַ זייער לאָגישן אופן געפּרוווט באַווייזן, אַז אונדזער וועלט איז אַ מיסטעריע.

עס איז פאַראַן אין מינאַ באַרדאָ־ריזוקינס לידער דאָס זעלבע געפיל, די זעלבע אַנונגען. זי רעדט כסדר צו די פאַרבאָרגענע כוחות, זי זעט זעאונגען.

אין סוף נאַכט האָט אַ האָן געטאָן אַ קריי,
איך האָב אויפן הימל דערזען אַ זעאונג, אַ שרעק.
צווישן די וואָלקנס די פייער־רויטע צווי —
האָט אַ פּנים פאַר מיר זיך אַנטפּלעקט.

* * *

פון דער פינצטערער נאַכט שיילט זיך אַ פּנים,
שטיל, פאַרגליווערט, קאַלט און האַרט,
שטעלט זיך ווי אַ שומר איבער מיין פענצטער
קוקט און וואַרט און וואַרט.
כ׳הייב זיך אויף פון געלעגער אָן אַ שאָרך,
און שאַר זיך טריטווייז צום פענצטער צו,
כ׳לייג מיין אויער צו און האָרך:
און ליפּן רופן מיך ערגעץ־ווו.

* * *

מיין מאַמע האָט מיר אַ טאָרבע געבראַכט
און אויף אַ פּאָליצע אַוועקגעלייגט —
זאָל, מיין טאָכטער, אַ לאַבן ברויט ליגן,
מען זאָל ניט באַדאַרפן און באַהיט זיין פון נויט.
איך האָב די טאָרבע צעעפנט,
און געקוקט אויפן לאַבן ברויט —
האָט מיין מאַמעס פּנים אויף אים זיך געשפּיגלט —
אַ פּנים, וואָס אַריבער דרייסיק יאָר טויט.

מינאַ באַרדאָ־ריזוקינס לידער זענען פול מיט סודותדיקע פנימער, פול מיט אומ־היימלעכע חלומות, מיט באַכטישע ווייטיקן, מיט שאָטנדיקע זעעונישן. עס זענען פאַראַן אין אירע לידער די איבערלעבונגען פון אַ מענטש, וואָס איז פאַרבונדן מיט עמיצן פון אַן אַנדערער וועלט.

יצחק וואַרשאַווסקי

(„פאָרווערטס“, באַור׳ 19, 1950).

SIN VALOR COMERCIAL

ליבע מינע ריווקין,

אַ דאַנק אייך פאַר אייערע לידער.

אייניקע פון זיי האָב איך געקענט פון פריער. איצט האָב איך אַלע ווידער איבער־געלייענט. זיך אָפּגעשטעלט ווו אויף שורות, אויף פערזן און אויף גאַנצע לידער ווי „מיינע פעק".

פאַר מיר איז געגוג ווען אַ מענטש פרעגט: „קען אַ תפילה סהאַרץ ווי אַ קרבן שעכטן?" אין דער איינער פראַגע איז דאָ וויזיע און זי זאָגט עדות, אַז די תפילהדיקע שטימונגען ביי אייך זענען דורכגעלעבטע און עכטע.

ווינטשן מיר אייך מזל־טוב מיט אייער ערשטלינג און געמיט ווייטער צו קענען שרייבן.

מיט פריינטלעכן גרוס מ. באַריישאַ

מערץ, 15טן 1948.

ליבע מינאַ באַרדאַ־ריווקין:

אַ דאַנק אייך פאַר אייער ביכל לידער. עס זענען זיכער פאַראַן אין ביכל גוטע לידער. איר האָט אייערע אייגענע שטימונגען, כאָטש עס פילט זיך ביי אייך דער איינ־פלוס פון אַנדערע (לייוויק, הויפטזעכלעך).

פאַראַן ביי אייך אייגענע גוטע שורות און נייע, גוטע ווערטער. אַזאַ שורה „ווי די געדאַנקען גייען ווי אויף טויבן־פיס אַוועק" איז פיין. די — און אַנדערע. אייער ליד „אַ חלום" איז גוט, אַזוי „מיין טאַטע" און „די האַלבע לבנה" און אַנדערע.

קורץ, אייער ביכל, אייערע לידער — זענען אייערע, ליבע מינאַ.

זייט געזונט, און אַ דאַנק — אייער, ב. ביאַלאָסטאָצקי

בראָנקס. מאַי 22. 1948

מינאַ באַרדאַ־ריווקין, אירע לידער זענען אייגנאַרטיק און אינטערעסאַנט מיט דעם, וואָס זיי גייען בישט מיטן געוויינטלעכן לייכטן וועג, נאָר פרובירן זיך אַדורכרייסן דורך צוימען פון שפּראַך און געדאַנק, ווי אַ וואַסער דורך דאַמבעס און שטיינער.

ב. צ. גאָלדבערג

„טאָג", דאָנערשטיק, 1טער יולי, 1954.

מיין זייער חשובע און ליבע מינאַ באַרדאַ־ריווקין:

אַ דאַנק פאַר אייער גאָר פיינעם לידער־בוך, אין וועלכן איר אַנטפּלעקט פאַר אונדז סיי דעם צער פון אייער טאַטנס אויגן און סיי דעם שעפערישן אומרו פון אונדזער ריווקיגען.

אַט דער דאָזיקער „אומרו", וועלכער האָט אייך „אויפגעוועקט אין מיטן נאַכט", וועט אייך שוין צווינגען צו שאַפן ווייטער אין דעם גייסט פון אייערע און אונדזערע פאָרגענגערס.

על כן, טייערע, פאַרבלייבט געזונט און האַרציק געדאַנקט פאַר אייער מתנה.

אייער דניאל טשאַרני

.1948 ,20/4